STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02944

DAVID EDELSHTAT UN ETLEKHE ZAYNE FORGEYER

Aaron Joel Zacusky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד עדעלשטאַט
און
עטלעכע זײַנע פֿאָרגייער

פון זעלביקן מחבר דערשינען:

אני מאמין, לידער, 1935.

פאר מיר, פאר דיר, פאר אלעמען, פּאָעמע, 1938.

י. ל. פרץ, עסעי 1942.

לייב נײַדוס, עסעי, 1951.

איבערזעצונג:

אין קאפע־הויז, פון ערריקאָ מאלאטעסטא, 1936.

א. י. זאַקוסקי

דוד עדעלשטאַט

און

עטלעכע זײַנע פאַרגייער

פאַרלאַג „דוד עדעלשטאַט"
בוענאָס-אײַרעס
1955

PRINTED IN ARGENTINE
IMPRESO EN LA ARGENTINA

A. JOEL ZACUSKY:

DAVID EDELSTADT Y ALGUNOS DE SUS ANTECESORES

Editorial **"David Edelstadt"**

Buenos Aires, 1955

Se terminó de imprimir el 28 de abril de 1955, en Talleres Gráficos Julio Kaufman S.R.L., Corrientes 1976, Bs. Aires.

פון די אַרויסגעבער

די גרופּע און דער פֿאַרלאַג „דוד עדעלשטאַט“ טראָגן צו דאָס דאָזיקע בוך ווי אַ באַשטײַער צו די באַערונגען, וואָס ווערן דורכגעפֿירט זינט 1952, ווען עס איז אויסגעפֿאַלן דוד עדעלשטאַטס זעכציקסטער יאָרצײַט.

דאָס איז די ערשטע פֿון די צוויי שטודיעס אין פֿאַרבינדונג מיט די פֿײַערונגען און דערמאָנונגען, וואָס דער פֿאַרלאַג האָט זיך פֿירגענומען אַרויסצוגעבן געווידמעט דעם גערימטן רעוואָלוציאָנערן דיכטערס לעבן און שאַפֿן און זײַן השפּעה אויף דער פֿאָלקסמאַסע און די אַרבעטסמענטשן. די צווייטע אַרבעט, געשריבן ספּעציעל אין שפּאַניש דורך דעם זעלביקן מחבר, וואַרפֿט אַ שײַן אויף עדעלשטאַטס ביאָגראַפֿיע און געדאַנק פֿון גאָר אַן אַנדער קוק־ווינקל, ווי די פֿאָרליגנדיקע, וואָס שטעלט מיט זיך אויך פֿאָר אַן אַנדערשדיקן, ווי ביז אַהער, צוגאַנג צום אידעאַלן מענטשן, טרוימער און רעבעל, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט אַכט און אַכציק יאָר צוריק און ווירקט אַנאויפֿהעריק שוין קנאַפּע זיבן צענדליגנג יאָר, כאָטש ער איז שוין אַ פֿאָר און זעכציק יאָר טויט.

מיגלעך, אַז די אַרבעט, וואָס דער לייענער האַלט איצט אין האַנט, וואָלט מען אפשר געדאַרפֿט אָנרופֿן „דוד עדעלשטאַט ד ו ר ך עטלעכע זײַנע פֿאָרגייער“. פֿאַר וואָס אַזוי — דאָס וועט יעדער פֿאַראינטערעסירטער אויסגעפֿינען אָן שוועריקייטן בײַם נענטער זיך באַקענען מיט איר דירעקט. עס איז ניכּר, אַז אין דער אמתן האָט דער מחבר, בעתן גריבלען זיך אין די אַלערליי מאַטעריאַלן און בעתן קאָמענטירן סײַ דעם געפֿאָרשטנס ווערק און סײַ די פֿאַר־

בינדנדיקע קרובישע כאַראַקטער־שטריכן און כאַראַקטערים־טישע מאָמענטן פון די דיכטערס און פערזענלעכקייטן וואָס ווערן דאָ צי ברייטער צי פאַרבײַגייִיק באַהאַנדלט און דער־מאָנט — פאַרטיפט זיך בעצם בלויז אין ערעלשטאַטן, אים אַרויסצובררענגען אַלזײַטיקער און גאַנצער. די שײַכות וועט, אַגב, אויך זײַן גאָר לײַכט אײַנצוזען. זי שטיצט זיך און שפּאַרט זיך אָן כסדר אויף אַ שלל ציטאַטן. נאָר דאָרט ווו קיין ציטאַטן זענען אפילו נישטאָ, איז די שײַכות אויך אַ באַשײַמפּערלעכע און דערקלערלעכע.

דער שפּאַנישער עסעי באַהאַנדלט ערעלשטאַטס אידעען־און אינטערעסן־וועלט בשײַכות און אין קאָנגלאָמעראַט מיט די ייִדישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען און געשעענישן פון אַרום אַ הונדערט יאָר (און עפּעס מער אויך...) מיט אַן אויס־בליק אינעם לעתיד לבוא אַרײַן. דער אויטאָר האָט בעת דער אַרבעט געהאַט אין זינען דעם לייענער וואָס האָט נישט קיין צוטריט צו ייִדיש — ייִד און נישט־ייִד — און דעם ווייניק אָדער גאָרנישט אינפאָרמירטן מענטשן, וועמען עס לוינט בכלל צו געבן אַ צוטריט און אַ געלעגנהײַט אַרײַנצוקוקן כאָטש ווי דורך אַ שמאָלער שפּאַרונע אין ייִדישן לעבן אַרײַן, אין זײַנע פאַרשיידנאַרטיקסטע מאַניפעסטאַציעס און אויס־דרוקן. ס׳קען זײַן, אַז אפשר איז עס טאַקע נישט מער ווי ס׳איז אַ טראָפּן לגבי אַ ים. אָבער — ע פּ ע ס איז א‌יך עפּעס.

אַז די גרופּע און דער פאַרלאַג גיבן זייער בײַטראָג מיט גרויס פאַרגעניגן און טוען דאָס באַזעלט מיט אַן אינטים גע־פיל פון התרוממות הנפש — איז בלתי שום ספק. מיר האַלטן, אַז ערעלשטאַט איז ראוי צו אַלע אויפמערקזאַמקייטן און איז ווערט אַלע פּײַערלעכע באַערונגען און דערמאָנונ־גען. מען קען עס פאַרשטיין שוין דערפון, וואָס נאָך מיט אַ סך יאָרן פריִער איידער די ייִדישע ליטעראַרישע און קול־טור־געזעלשאַפטלעכע קרײַזן האָבן אַזוי ברייטהאַרציק אָנ־געהויבן אָפן אַרויסווײַזן זייער אַכפּערנדיקע באַציִונג צום ביז אַט נישט לאַנג צוריק נעגירטן אַרבעטער־פּײַטן, האָבן מיר שוין געהאַלטן פאַר אַ חוב (און פליכט) אָנצורופן זיך מיט דעם נאָמען פון יונג פאַרשניטענעם פאָלקסוועקער און מורה, דעם אַנזאָגער און צעטראָגער פון אַ נײַער אויסלייז־בשורה אויף דער ערד.

פאָלק! ער האָט דיך געליבט אָן אַ שיעור,
מער ווי זיך, ווי זיין פרוי און קינד!
ער האָט געלעבט און געשטאָרבן פאַר דיר —
ענדיק זיין אַרבעט אַצינד! (ז׳ 122)

די דאָזיקע פערזן, מיט וועלכע עדעלשטאַט ענדיקט זיין ליד וועגן אַלבערט ר. פּאַרסאָנס, וואָס איז געווען איינער פון די טשיקאַגער אַרבעטער־טוער, וואָס האָבן פאַר זייער ציל־באַוווסטקייט באַצאָלט מאַרטירעריש מיט זייער לעבן, — די דאָזיקע פערזן זענען ווי צוגעשניטן לויט דער מאָס און אָנגעפּאַסט אויף דעם מחבר זייערן אַליין, אויף אים, עדעל־שטאַטן, הייסט עס, כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין ווייב און קינד, אָדער ריכטיקער: נאָך נישט באַוויזן צו האָבן.

און אויך אָט אַ די פערזן —

ער שטייט פאַר מיר אין אַ שטראָם פון ליכט
אויף דער וועלטס פאַרבלוטיקטער בינע;
עס רוט אויף זיין וווּנדערשיינעם געזיכט
דער פרייהייטס הייליקע שכינה. (ז׳ 122)

אויך אָט די פערזן, וואָס בילדן די ערשטע סטראָפע פון אַ ליד בשייכות אַ צווייטן פון די טשיקאַגער מאַרטירער — דעם יונגיטשקן לוּיִס לינג, — אויך זיי זענען ווי אויף אים אַליין געמאָסטן 1).

1) די ציטאַטן, וואָס מיר ברענגען אין טעקסט, הן ווען עס ווערט אָנ־געוויזן די זייט, הן אָן אָנווייז, זענען אַלע גענומען פון דער אויסגאַבע פון דוד עדעלשטאַטס ש ר י פ ט ן, מיט אַ פּאָררעדע איבער דאָס לעבן און שאַפן פון דעם דיכטער, פון מ. קאַטץ, אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אַרבעטער־פריינד" און „פרייע אַרבעטער־שטימע", לאָנדאָן 1909 — ניו־יאָרק, 1925; 38

ווען מען זאָל דאַרפֿן בולט כאַראַקטעריזירן דאָס וועזן דוד עדעלשטאַטס, וואָלטן מיר זיך נישט געמוזט צו פֿיל אָנשטרענגען. ער גופֿא וואָלט אונדז פֿאַרשפּאָרט די מי. מיט זײַנע לידער אין האַנט וואָלט מען דאָס געקאָנט גרינג אָפּטאָן. אַ שורה דאָ, אַ סטראָפֿע דאָרט — פּונקט ווי די נאַרוואָס געבראַכטע — און מיר וואָלטן געהאַט דאָס בילד אַ פֿולס. ווײַל עדעלשטאַט האָט במשך זײַן קורץ, פֿרי איבערגעריסן און נישט אויסגעלעבט לעבן געזונגען זיך גופֿא.

נאָר נישט מחמת ער האָט זיך צוגעהערט צו זיך אַליין, אָדער האָט זיך געגריבלט אין זײַנע ריין פּערזענלעכע שטימונגען — וואָס, אגב, האָבן זיי בכלל די טבע זיך צו בײַטן כסדר אָן אויפֿהער און זענען נישט ביכולת צו זײַן שטאַנדהאַפֿטיק — און נישט מחמת ער האָט דערנאָך די פֿאַרשיידענערלייִקע דורכגעפֿילטע שטימונגען אונדז אונטערגעטראָגן פּרטיותדיק אויסדערציילט. עדעלשטאַט האָט נישט געקראַצט די פּערזענלעכע וווּנדן זיי זאָלן זיך יאַטערן, כּדי אונדז צו קענען מזכה זײַן מיט זײַנע ווייטאָגן אין לידער, ווי דאָס טוען דאָס רוב פּאָעטן. דאָס האָט ער קיין מאָל נישט געטאָן, און נישט דאָס איז געלעגן אין זײַן נאַטור. זײַנע לײַדן — דאָס זענען די יסורים פֿון דער באַוווּסטער מענטשהייט, די לײַדן פֿון דעם „אָרעמען שמאַכטנדן פֿאָלק“ (ז׳ 7). בלויז דאָס האָט אים גערירט, געמאַטערט און געפּײַניקט.

ער אַליין רופֿט זיך ערגעץ אָן „טרערן־פּאָעט“ (ז׳ 16). אָבער דאָס איז נישט ריכטיק לגבי אים גופֿא. ער האָט עס עמעצן נאָכגעזאָגט. אמת, דאָס וואָרט טרערן חזרט ער איבער אָן אַ שיעור מאָל. ער איז אָבער נישט קיין וויינער און נישט קיין קלאָגער און באַקלאָגער. ער איז גיכער די שווערד און דער פֿלאַם („איך בין דאָס שווערד, איך בין דער פֿלאַם“,

זײַטן (נומערירט מיט רוימישע ציפֿער) + 405 זײַטן, (אָנגעהויבן פֿון 1), מיט 2 בילדער אויף באַזונדערע בלעטער. — די ציטאַטן, וואָס מיר נעמען אין ערגעץ אַנדערש, ווײַזן מיר אָן דעם מקור באַזונדער, אויפֿן פּאַסיקן אָרט.

ז' 20) — ווי ער זאָגט אויך דאָס נאָך אַ צווייטן: ה. היַינען, זײַן עצם גײַסט, זײַן ריכטיקער טאָן, זײַן אמתע מוזע —

...וועקט, זי רופט מיט אַ קריגס־טראָמפּעט,
שטורעם־לידער קען זי נאָר זינגען
מיטן פײַער פון אַן אַלטן פּראָפּעט! 2)

(„מײַן מוזע", ז' 45)

און אויב ער טרויערט (אוודאי, געווים!) אָדער זאָרגט, און טאָמער קרעכצט ער צו מאָל, איז עס זיכער נישט אַ געקלאָג אויף זײַן אייגענעם וויסטן גורל, נאָר אויף דעם ברודער מענטשם — פאַר זײַן אומגערעכטיק פאַרשטופּט און פאַרשקלאַפּט זײַן. דאָס געוויין איז דער גאַנצער פאַרשמאַכטער און געפּלאָגטער מענטשהייטס. זענען עס, במילא, אויך אירע די טרערן.

ווען מען „וועט זיך אײַנהערן גוט" וועט מען אין זײַן ליד הערן, „ווי עס רוישט דאָרט אַ טײַך פון מענטשלעכע טרערן" („צו מײַנע לעזער", זז' 1־2). אָבער — ער איז נישט מער ווי זייער שטימע (אויב דאָס איז ווייניק!)... אַנשטאָט זיי אַלע צוזאַמען כאָטיש, רעדט ער איינער פאַר זיי. אמת, דאָס זענען נישט גלאַט בלויז פרעמדע טרערן, וואָס רירן אים פּערזענלעך נישט אָן, ווי עס לאָזט כמעט תמיד גלײַכגילטיק קאַלט די צופעליק אויסגעקליבענע און אַרויסגעשטעלטע פאַרשטייער. ניין. זיי זענען „צעמישט מיט דעם דיכטערס בלוט" (דאָרט). דערפאַר טאַקע איז ער געוואָרן דער אינטערפּרעטאַטאָר פון „לײַדנדן קנעכט" און „פאַרשקלאַפּטן ברודער" און זייער פירשפּרעכער. און ער איז ראוי געווען צו זײַן דער שליח־ציבור, וואָס דאָס איז ער בפועל־ממש געוועזן. און אויב ער האָט פאַר זײַן טירחה יאָ אַ מאָל פאַרלאַנגט שכר, האָט ער באַגערט מען זאָל אים צאָלן „מיט ליבע צו פרײַהייט, מיט היילִיקע טאַטן" (דאָרט).

נאָר אַפילו אַלעמענס טרערן אין זײַן ליד זענען אויך

2) זעו אין די הוספות דעם ערשטן צוגאַב (זז' 97־100).

נישט קיין געוויינלעכע טרערן מחמת גלאט קלאָגן און וויי־
נען, אָדער אוים אָנמעכטיקייט, ניין —

יעדע מענטשלעכע טרער איז דאָרט אַ שליח
פון אַ געפּייניקטן האַרץ,
וואָס פרעגט: ווען קומט שוין דער פרייהייטס־משיח?

(דאָרט, ז' 1)

אָט. אָט אַ דאָס טאַקע — אַ שליח און אַ מאָנער: ווען
קומט שוין דער פרייהייטס־משיח?

יאָ, אַזוי וואָלט מען אַלץ כסדר געקענט ציטירן, און
דערווייל וואָלט מען אויפגעשטעלט אַ בולטע די פיגור דוד
עדעלשטאַט, אויסגעסקולפּטירט זיין געשטאַלט און רעקאָנ־
סטרויִרט זיין אידעען־ און געדאַנקען־וועלט 3).

אָבער מיט די צוויי סטראָפעס אין אָנהייב איז גענוג
פאַר אונדז. יעדנפאַלס קלעקט עס פאַר דעם ביסל וואָס מיר
זענען דאָ אויסן מיט די אָריינפירנדיקע שורות. בפרט נאָך
זיי גיבן זיין מהות און תמצית. דאָ איז פאַראַן אי כאַראַק־
טעריסטיק, אי באַשטעטיקונג אויף פאַקטן, אי די באַציִונג
צו אים, אי צוואה, וואָס דאַרף ווערן געבאָט, פליכטיקע מי־
סיע, אַ פאַרזאָג מקיים צו זיין:

ענדיק זיין אַרבעט אַצינד!

עס איז נאָך קיין מאָל נישט אַזוי, ווי איצט, נויטיק גע־
ווען אויפצוּוועקן צום לעבן די אידעאַלן — און זייער גע־
צילטן אויסלאָז, — פאַר וועלכע עס האָבן געקעמפט און
פאַר וועלכע עס האָבן באַצאָלט מיט זייערע יונגע לעבנס
סיי די טשיקאַגער מאַרטירער, סיי זייער באַזינגער, דוד
עדעלשטאַט.

3) היות מיר שטעלן זיך נישט אָפּ אין דער פאַרליגנדיקער אַרבעט אויף דעם דיכטערס ביאָגראַפיע, לאָמיר כאָטש לפחות דאָ פאַרצייכענען די דאַטעס פון געבורט און טויט. בכן: עדעלשטאַט איז אַרוים צו דער ליכטיקער שיין אויף דער ערד דעם 21סטן מאַי 1866 אין קאַלוגע, רוסלאַנד, און זי פאַרלאָזט דעם 17טן אָקטאָבער 1892, אין דענווער, צפון־אַמעריקע.

ס׳איז נישט גרינג צו רעדן וועגן איינעם, וואָס זײַן געשטאַלט און דאָס גאַנצע וועזן זײַנס איז אַרומגענומען מיט אַן אָרעאָל, ווי די שטראַלנקרוין, וואָס עס רינגלט אַרום אַ הייליקנס קאָפּ אויף די בילדער און געמעלן. נאָך שווערער איז, ווען מען ווייסט, אַז די, וואָס האָבן אים געקענט פּערזענלעך, רעדן וועגן אים מיט דער אויפגערוימטקייט און אַכפּערונג, ווי מען רעדט טאַקע וועגן אַ הייליקן, אַ צדיק. נאָר גאָר שווער איז, ווען מען ווייסט, אַז זײַן לעבן איז געווען אַזוי קורץ, אָבער זײַן השפּעה און אויפטו אַזוי גראַנדיעז אַנקעגטיק און באַדײַטיק.

ווײַל קשה איז אונדז: ווי איז דאָס מעגלעך אַזוי פיל צו באַווײַזן? — וויפל ער זאָל נישט האָבן געטאָן, עדעלשטאַט, איז פאָרט נישט געווען זוען צו אויפטאָן עפּעס און אַוודאי נישט צו פיל אויפצוטאָן. ס׳איז דאָך פּשוט קיין צײַט נישט געווען דערויף, אָדער צו וויינִיק צײַט. און בפרט דאָס געלעבטע ביסל לעבן איז געווען פול מיט מניעות, ווידעראַנאַנדן, שטערונגען, שטרויכלונגען און נסיונות, וואָס בײַצוקומען זיי האָט מען באמת געדאַרפט זײַן אַ העלד מיט אַ לעגענדאַרן כוח אין זיך.

אויף עדעלשטאַטס גורל — אויף דעם גורל פון צאַרטינקן, אין זײַן אינערלעך אייגענער וועלט פאַרטוענעם און אַרײַנגעטוענעם, יחידישדיק פאַרטרוימטן, לירישן בחורל — איז אויסגעפאַלן צו ווירקן געזעלשאַפטלעך אין אַ קרײַז, וואָס איז אים פּערזענלעך ביז אַט נאָר וואָס געווען פרעמד; אויף אַן ערד, וואָס ער האָט זי גאָרנישט געקענט קיין סך פריִער; שרײַבן אין אַ שפּראַך, וואָס איז — קען מען זאָגן — נישט געווען זײַנע; און דערצו דיכטן אין איר, שרײַבן

פערזן, וואָס זאָלן עלול זײַן וועקן, מונטערן, געבן חיות און מוטיקן, געבן צו פאַרשטיין און מאַכן פאַרשטיין ממש פאַרקנעכטע, פאַריאָכטע מענטשן, גרייטע אפשר הכנעהדיק, אין זייער שיפלותדיקער אומבאַהאָלפנקייט, אָנצונעמען פאַר ליב וואָס דאָס מזל האָט זיי צוגעטיילט און וואָס דאָס לעבן ברענגט כסדר מיט זיך צו טראָגן. און דאָס אַלץ צווישן אַ נײַ פאָלק מיט אַן אייגן — נײַ — לשון, אַ נײַער סביבה מיט אייגענע — נײַע — טראַדיציעס, מנהגים, געוווינהייטן. און נײַ און פרעמד איז דאָס געווען שוין נישט בלויז פאַר אים, דעם אומגעריכט אויסגעוויילטן מדריך, נאָר אויך פאַר זיי, די וואָס האָבן צו אים אַרויפגעקוקט. און מחויב געווען איבערצונעמען עס, דאָס נײַע, פרעמדע לשון, און אַרײַנפּאַסן זיך אין דער נײַער פרעמדער סביבה — ד״ה אין אַרײַנגעוואָנדערטן לאַנד אַרײַן — האָבן שוין ביידע צדדים: סײַ דער נײַער אויפוועקער־דיכטער, סײַ דער פאַרצאָגטער מאַסעמענטש.

און דאָס גרעסטע וווּנדער איז, וואָס בײַ די אַלע איבערנאַטירלעכע, אוממענטשלעכע הינדערנישן האָט ער באַוויזן מתגשם צו זײַן, — ד״ה: מאַכן צו וואָר — דעם דאַזיקן ווונדערלעכן וווּנדער. און לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז אויפצוטאָן עפּעס, צו קענען דאָס רעאַליזירן, דאַרף מען זײַן פאַרגעברייט און צוגעגרייט מיט וויסן, פאַרשטענדעניש און קענטשאַפט. שוין נישט צו רעדן פון עקספּעריענץ און געניטשאַפט. ווען און ווו האָט ער דאָס אַלץ געקענט קריגן און נעמען עדעלשטאַט? — און ער האָט אַלץ געהאַט.

און ער האָט דערוועקט. ער האָט אימפּעטיק אויפגעריסן, אָנטפלעקט און אָנגעצונדן אין די פאַרשמאַכטע, פאַרחלשטע און אָפּהענטיקע אַ פאַרשטעלונג פאַר שיינס און גוטס, אַ געוויסקייט פאַר אמת און יושר, אַ ווילן משנה צו זײַן דיווירקלעכקייט און העפטיק זיך נעמען צו שטאַנד צו ברענגען דעם דאַזיקן אימפּעראַטיוון פאַרלאַנג. און דערנאָך — דערוואַכטע שוין — האָבן זיי צו הילף גענומען פאַר אַ

הויפּטיקן מוטיקער און אונטערטרײַבער, פֿאַר אַ בײַשפּיל, אַ פֿאַקל און מדריך דער עיקר טאַקע זײַן ליד און נישט קיין אַנדערנס, און אים אַליין — און נישט קיין צווייטן.

זײַן ליד האָט געמאַכט, אַז זייערע לונגען, אפשר שוין אויסגעטרוקנטע, קרענקלעכע, צעפּרעסענע, זאָלן זיך מיט איין מאָל דערוועגיק אָנפּילן מיט לופט; אַז די הויט- און ביינערדיקע, אויסגעדאַרטע, אײַנגעפֿאַלענע ברוסטן זאָלן זיך צאַרנדיק ברייט אויפֿהייבן אַרויף און אַז עס זאָלן זיך אַרויסרײַסן הויך און פֿולקלאַנגיק שטימעס מונטערע, קוראַזשיקע פֿון זייערע העלדזער אַרויס וואָס ביז אָט ערשט האָט מען נישט געהערט פֿון דאָרט מער ווי קרעכץ, כאַרכל און טרוקענעם הוסט, באַגלייט צו מאָל מיט אַ רויט-געשטרײַפֿטן ליחות-אויסשפּײַ.

וואָס פֿאַר אַ פּערזענלעכן צויבער האָט ער געהאַט צו קענען אַזוי באַוועלטיקן?

אָבער דאָ איז נישט שײַך בלויז פּערזענלעכער כּישוף. דאָס איז נישט גענוג צו קענען אָנהאַלטן לאַנג און קענען אויפֿהאַלטן זיך בײַם לעבן און בפרט עס זאָל אויך געדײַען נאָכן טויט. און נאָך מער: עס איז אַוודאי ווייניק עס זאָל זיך קענען אויפֿהאַלטן כּסדר אָן איבעררים... צוצײַקס קען זיך לײַכט אָפּטאָן. עס וועפּט זיך אויס, ווערט צו נישט — אויב עס איז נישט פֿאַרבונדן מיט עפּעס נשמהדיקס, וויטאַלס, עפּעס עכטס, מיט אַזוינס, וואָס איז אפשר נישט דערקלערלעך און נישט אַנזעעוודיק בממשות, אָבער עפּעס יאָ פֿאַראַניקס: אַן אויפֿשטראַל און אָפּשטראַליקס פֿון אַן אינערלעך ליכט. אַן אײַנגעבוירן ליכט. אַ מענטש טראָגט אין האַרץ אײַנגעפֿאַסט אַ זון, פּונקט ווי די וועלט האָט אַ זון אין איר חיות-צענטער — לעבן זאָל קענען געדײַען.

ווי שטאַרק איבערצײַגנדיק האָט געדאַרפֿט זײַן זײַן באַהאַרצט וואָרט, וואָס איז אַוודאי געווען באַהאַרצטע וויטאַלע מחשבה און מעשה צוזאַמען, אַז ער זאָל אַזוי אויפֿרירן און אויפֿרודערן אַפֿילו דאָרט, וווּ עס וואָלט שוין, דוכט זיך, ניט

געווירקט קיין פּריש־נײַער, לעבנמאַכנדיקער לעבנס־עליקסיר.

סימפּטאָמאַטיש איז, וואָס די צײַט האָט נישט רעווי־דירט די מיינונג וועגן אים. די פֿאַרגעטערונג — זאָל מיר עדעלשטאַטס גײַסט מוחל זײַן פֿאַר אָט דעם דאָזיקן אויס־דרוק, וואָס גייט נישט אַרײַן אין דער ספערע פֿון זײַנע אָנ־שויוּנגען; נאָר ווי אָרעם עס איז אָפֿט דעם מענטשנס עשירות־דיקסטע שפּראַך און מוז אָנקומען צו אַזעטיקע אויסדרוקן, וואָס זענען איר אין עצם פֿרעמד! — די פֿאַרגעטערונג טוט זיך אַלץ נישט אָפּ. נישט געקוקט דערויף וואָס די עסטעטן און פֿײַנשמעקער האָבן אים נישט אָנערקענט און דערצו נאָך באַ־קעמפֿט אַזוי עקשנותדיק שטאַרק. אַגב, עס שטייען אַ סך פֿון זײַנע אַמאָליקע פֿאַרניינער און באַקעמפֿער איצט פֿרום פֿאַר־דבֿקהטע אַרום אים 4). די מפֿונקים האָבן, וואָס אמת, אין פֿאָלק נישט געקראָגן קיין צו פֿיל אָנהענגער, כאָטש דאָס באַ־שטרײַטן איז בדרך־כּלל עלול צו קריגן אויסגעפֿינער, אַז דער צד שכּנגד איז גערעכט... מען דאַרף בלויז אַרײַנוואַרפֿן אַ קעגן־מיינונג, אַ וואָרט בלויז — און עמעץ כאַפּט זיך שוין אָן דערין, און באַמקעט צו, און האַלט מיט. אָט די דאָזיקע מענטשלעכע שוואַכקייט נוצן טאַקע אויס די דעמאַגאָגן. בעלנים מיטצוגיין זענען תּמיד פֿאַראַנען — מעג אַפֿילו נישט זײַן צו וואָס, און אָפֿט אַפֿילו שעדלעכס. מיר האָבן שוין געזען — און זעען — אַז דער מטורפֿדיקסטער שרײַער איז נישט זעלטן אַרומגערינגלט מיט בלינד פֿאַרגלייבטע פֿאַרגעטערער.

מיר גייען דאָ נישט ריידן וועגן עדעלשטאַטס קינסטלע־רישקייט. נישט דאָ איז דאָס אָרט און — מיר רעכענען, אַז נישט דאָס איז כּלל די מאָס צו מעסטן עדעלשטאַטן. מען קאָן אָבער פֿאָרט נישט אַנדערש ווי זײַן פֿאַרחידושט איבער זײַן נישט געוויינטלעכן אויפֿטו. ווי שטאַרק איבערוועלטיקנ־

4) וועגן דעם ענין רעדן מיר ברייטער און אַרומנעמיקער אין אונדזער שפּאַנישן עסיי Recordando a un poeta, וואָס וועט דערשײַנען בקרובֿ. אין אים ווערט עדעלשטאַט באַהאַנדלט אין די ראַמען און אויף דעם פּאָן פֿון אַ ערד אַרום אַ הונדערט יאָר יידיש לעבן.

דיק עס האָט געדאַרפֿט זײַן דער אידעאַל אין אים, צו קענען באַווײַזן אַזאַ ווירקעווודיקן אויפֿרודער. ס'האָט אוודאי גע־דאַרפֿט זײַן ווי דאָס סנה־פֿײַער, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר משהן בײַם באַרג חורב.

אויף זײַן, אויף דעם יונגינקן עדעלשטאַטס, גורל איז אויס־געפֿאַלן אַ גרעסער שליחות דורכצופֿירן ווי געוויינלעכע שײַנ־שרײַבערײַ. ווער פֿון אונדזערע שרײַבער קען זיך איבערנע־מען מיט האָבן אונטערגעצונדן און אויפֿגעבלאָזן אַזאַ העליש פֿײַער? אויף וויפֿל פֿון אונדזערע דיכטער קען מען אָנווײַזן, אַז זייער וואָרט האָט אַזוי געצונדן, געפֿלאַמט און אַרומגענומען אַזעלכע ברייטע קרײַזן? אפֿשר י. ל. פּרץ בלויז. אָבער פּרץ האָט דאָך גערעדט צו דער אינטעליגענץ און צו אַ שוין אויפֿ־געוואַכטן און צו אַ שוין זוכנדיקן מענטשן, צו וועמען ס'איז בכלל לײַכט צוצוקומען, מחמת ער אַליין זוכט. און מיר ווייסן, אַז דער וואָס זוכט — געפֿינט שוין אַ מיטזוכער אויפֿן וועג. מעג דאָס זײַן דער יוגנטלעכער, דער דערוואַקסענער, דער אַרבעטער, און דער אינטעליגענט בכלל, דער גאַנץ צי האַלב באַוווּסטזיניקער אַפֿילו. פּרץ איז געקומען, ווען דער באָדן איז שוין געווען אויפֿגעאַקערט און פֿאַרזייט. עס האָט גע־פֿעלט, אַז די פֿאַרזייטע פֿײַנע קערנער — ד"ה די מענטש־לעכקייט צוזאָגנדיקע אידעען און אידעאַלן — זאָלן זיך אָנ־נעמען, זאָלן אָנהייבן שלאָגן וואָרצלען און — אָנהייבן ווערן ווירקלעכקייט.

אָבער ווער איז געווען דער ערשטער גורם פֿון דער דאָ־זיקער אויפֿוואַכונג, — די דערוואַכונג פֿונעם יידישן פֿאָלקס־מענטש, דעם מאַסמענטש, און פֿון דער זוכעניש זײַנער?

מיט זיבעציק יאָר פריִער פאַר דוד עדעלשטאַטס טויט האָט דער ים פאַרשלונגען דאָס לעבן פון זײַנעם אַ מעכטיקן פאָרגייער: **פּוירסי ביש שעללי** (1792—1822). במשך די דאָזי־קע זיבעציק יאָר, וואָס האָבן אָפּגעטיילט איינעמס טויט פונעם צווייטנס, איז פאָרגעקומען אַ געוואַלדיקע טראַנספאָרמאַציע בשײַכות די טרעגער און צעטראָגער פון די הומאַניטאַריסטישע אידעען: זיי זענען פון דער הויכער געזעלשאַפט — פון צווישן די רעגירנדיקע, באַזיצערישע קרײַזן, די געבילדעטע און דער אינטעליגענץ, — ווו די איידעלע אידעען זענען געבוירן געוואָרן און זיך אַנטוויקלט צו אַ ממשותדיקער באַוועגונג אײַנצופירן אין לעבן גרינטלעכע סאָציאַלע שינויים, בהדרגהדיק אַריבער אין רשות פון די נויטעדיקע, די דירעקט פאַראינטערעסירטע: די פאָלקסמאַסן.

די אידעען וועגן פרײַהייט פאַר פעלקער און מענטשן זענען אויפגעקומען בײַ אַ דינעם שיכט — ריכטיקער: בײַ יחידים — פון דער געבילדעטער אַריסטאָקראַטיע און דער אינטעליגענץ. אין די דאָזיקע קרײַזן זענען דערנאָך דערשינען די אידעאַליסטן, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין פאָלק אַרײַן, כדי דעם המון־עם באַקאַנט צו מאַכן מיט זײַן אייגענעם טרויעריקן מצב, אים ליכטיק צו מאַכן אין די מוחות און אָנוואַרעמען דאָס האַרץ. פון דאַנען די באַקונינס (1814—1876), די טאָלסטאָיס (1828—1910) און די קראָפּאָטקינס (1842—1921), די בײַראָנס (1788—1824) און די שעללים.

די אין אומוויסן געהאַלטענע פאַרקנעכטע מאַסע האָט אײַנגלייבעריש געמיינט, אַז איר לאַגע איז אַ באַשערטקייט פון דער השגחה עליונה, ווײַל אַזוי האָבן זי אײַנגערעדט די גאָטס סטראַפּטשעס. פון דאָזיקן אָפּנאַרערײַ האָט מען גע־

דאַרפֿט אַפּווענדן און אַפּציִען. בּיסלעכווײַז זענען די אויפֿהײַ־טערנדיקע, גליק־צוזאָגערישע אידעען געוואָרן דאָס אייגנטום פֿון טיילן פֿאָלק. פֿון זיי גופֿא האָבן די פֿעיִקערע און באַ־ווּסטזיניקערע זיך אַ לאָז געטאָן העלפֿן די פֿאַרשמאַכטע, אין אַ זײַט אָוועקגערוקטע, געקריוודעטע ברידער, זיי אַרויס־צוהייבן פֿון דער פֿינצטערניש און נויט, אין וועלכע זיי זענען געווען פֿאַרזונקען.

דער חלומענדיקער און זוכערישער שעללי איז געווען אַ זון פֿון דעם דינעם שיכט, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם רעגירנדיקן קלאַס, און ער האָט זינט דער רגע, ווען עס האָבן זיך אים געעפֿנט די אויגן צו פֿאַרשטיין אַ דאַנק די ווערק פֿון די וואָלטערס (1694—1778), יומס (1711—1776), רוסאָס (1712—1778), דידראָס (1713—1784), ד׳האָלבאַכס (1723—1789) און גאָדווינס (1756—1836), זיך קעגנגעשטעלט זײַן אייגענעם קלאַס און די אַרויסהעלפֿערס פֿון זײַן קלאַס — צווישן זיי דעם קלער — ווי די שולדיקע אין די אומגלײַכקייטן און שלעק אויף דער ערד. און ער ווידמעט דערפֿאַר בלב ונפֿש זײַן קאָלאָסאַלן טאַלאַנט דורך גערעדטן און געשריבענעם וואָרט אַ קאָלאָסאַלער אידעע: ס׳זאָל ווערן ממשות אַ ליכטיק האַרמאָניש לעבן פֿאַר אַ באַפֿרײַטער אויסגעלייזטער מענטש־הייט אין אַ וועלט אָן גרענעצן און אָן באַגרענעצונגען.

ער אַליין איז תּיכף געוואָרן אַ קרבן פֿאַר זײַן דערקענ־טעניש. און דאָס איבעריקע האָט ער שוין אַליין מקריב גע־ווען: אַלע זײַנע פּריווילעגיעס און באַקוועמלעכקײַטן. פֿאַר־פֿאָלגט פֿון די שול־חברים, די לערער, דעם פֿאָטער, פֿון דער געזעלשאַפֿט און דער רעגירונג — האָט ער זיך גרויסמוטיק און שטאָלץ אַלעמען קוראַזשיק קעגנגעשטעלט. פֿון יונגער־הייט אָן האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ זיך נישט בייגיקן און זיך נישט ברעכיקן גײַסט. די ענגלענדער האָבן זיכער נישט חושד געווען, וואָס פֿאַר אַ מעכטיקער כּוח עס שטעקט אין דעם, וואָס זיי פֿאַרפֿאָלגן. אָבער זיי האָבן אוודאי יאָ גע־אָנט אינסטינקטיוו, אַז דער דאָזיקער מענטש טראָגט אין זיך

אַזאַ פאַרצערנדיקן פלאַם, וואָס קען אַלדאָס שלעכטיקע, אַפילו די סיטרא אַחרא, פאַרברענען. האָט זיך דער הערשנדיקער קלאַס געמוזט באַוואָרענען אויסצוהיטן זיך פון אַ פאַרלענדונג און אָפּוווערן די צאָרן־קראַפט אויך אויף להבא.

מיר פערזענלעך קומט אָפּט אויס, אַז שעללי איז געווען אַן אומגעווײנלעך וועזן — אַן איבערערדישס און ערדיקס צוגלײַך. עס איז געווען אַזאַ כוח און העליש פײַער, וואָס ביז־צוקומען און צו אויסלעשן עס האָט מען טאַקע געדאַרפט אָנ־קומען צום ים און דערצו שיקן צוהילף טאַקע נאָר אַ שטורעם. אַלע וויסטע ערדישע און איבערערדישע כוחות און גײַס־טער האָבן זיך — דוכט זיך — פאַרנומען קעגן אים צו פאַר־טיליקן אים פון אַנגעזיכט פון דער ערד. אָבער נאָר בלויז אויפן שוים פון ים האָט מען אים געקענט גובר זײַן. דער פרײַער, אומעטום גרייכנדיקער ווינט, דער גרענעצלאָזער ים — פרײַהייט, רוימלעכקייט, אָנגרענעצדיקייט, שעללים אייבי־קע געליבטע און באַגערטע — זיי האָבן אים געקענט בײַקו־מען. ווען נישט זיי — וואָלט דער טויט, דוכט זיך, דער גע־ווײנלעכער טויט, וואָס מיר קענען אים, נישט געהאַט קיין שליטה איבער אים און אים נישט מנצח געווען. דאָס שיפן זיך, דער ים, וואָס שעללי האָט אַזוי ליב געהאַט פון קליינער־הייט אָן, האָבן געקאָנט זײַן זײַן מלאך־המוות און קברן.

שעללים וויזיאָנערן גײַסט און אידעאַליזם, די צניעות, תמימות און מתיקות, שטאַנדהאַפטיקייט, מסירת־נפש און קרבנות־גרייטקייט האָט אין איבער אַ דור אַרום געירשנט עדעלשטאַט. זיי איבערגענומען פול. דאָס, וואָס די ערשטע זאַמלונג עדעלשטאַטס לידער, וואָס דערשײַנט נאָך בײַ זײַן לעבן, עפנט זיך מיט אַ פראַגמענט פון שעללים אַ פּאָעמע פאַר אַ מאָטאָ — איז גאָר אַ ווערטיקער סימבאָלישער צייכן, אפשר אַ סימן מובהק. און דאָ איז לחלוטין אומוויכטיק צי די איבערזעצונג האָט יאָ אָדער נישט געמאַכט עדעלשטאַט אַליין. עיקרדיק איז דאָ דער עצם פאַקט: עס איז דאָ.

אָט איז ער, דער מאָטאָ:

און דיזע ווערטער וועלן ווערן
א דאָנער־פלוך, וואָס וועט זיך הערן
אין יעדעס הערץ, אין יעדער ברוסט...

אויף, ווי לייבן נאָך דעם שלאָף;
מענטשן, מענער, אויף צום רוף!
טרייסלט אָפּ די שווערע קייטן,
לאָזט זיך נישט מער פון הערשער טרעטן,
פרייהייט איז דאָס ענדע־ציל;
זיי זיינען ווייניק — איר זייט פיל 5).

אָבער ווען עס וואָלט אפילו נישט געווען אָט דער שעללי־פראַגמענט ווי אַ מאָטאָ, וואָלט עס אַלץ איינס נישט געשטערט און געלייקנט און אוודאי נישט אָפּגעפרעגט אונדזער השערה־מיין, אַז עדעלשטאַט איז געווען גייסטיק שעללים אַ דירעקטער יורש. נו, קלאָר — דאָס געירשנטע איז דאָ נישט געמיינט דער טאַלאַנט, נאָר דער אידעאַל און דער ענדציל: דער עמק־הבכא פאַרוואַנדלט אין אַ פּלאַץ צו קענען לעבן אַ האַרמאָניש, זון־וואַרעם און זון־באַלויכטן לעבן פאַר דעם

5) מיר פאַרשטייען נישט, און קענען זיך נישט דערקלערן, פאַר וואָס אַ שטייגער האָט מ. קאַטץ אויסגעלאָזט אדער אויסגעבראַקירט דעם מאָטאָ און אים נישט אַריינגענומען אין דער אויסגאַבע, וואָס ער האָט רעדאַקטירט און וואָס איז איצט כמעט די איינציקע אַנגענומענע. מיר האַלטן דעם פראַגמענט פאַר ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש. ממש ווי אַ וועג־אָנצייגער אדער אַן אַריינפירוש אין עדעלשטאַטן. אונדזער מיינונג איז, אַז דער מאָטאָ פעלט דאָרט באמת. דאָס איז דער לייט־מאָטיוו און תמצית פון עדעלשטאַטס שאַפן. — מיר דרוקן אים איבער פון: „עדעלשטאַדט'ס שריפטען, אַ זאַמלונג פון אַלע זיינע פּאָעטישע שריפטען אין פּאָעזיע און פּראָזאַ", אַרויסגעגעבן פון „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני", ניו־יאָרק, 1911. 9 + 334 זייטן. די צאָל לידער איז דאָ ווייט פון צו זיין פול, הגם עס זאָגט זיך „אַלע פּאָעטישע שריפטען" אאַז"וו. דאָס איז אַ גוזמא. די אויסגאַבע איז כולל אין זיך בלויז 89 לידער, אין קאַטצס אויסגאַבע זענען פאַראַן 126 לידער. דאָ איז אויך נישט אַריין אַלץ, וואָס איז אַרויס פון עדעלשטאַטס פעדער אין יידיש. — וואָס שייך דעם שעללי־פראַגמענט, זע די לעצטע צוויי סטראָפעס (90 און 91) אין שעללים The Mask of Anarchy. די לעצטע, 91סטע, סטראָפע איז אַ געוויסע איבער־חזרונג פון דער סטראָפע 38 אין דער זעלביקער פּאָעמע.

מענטשן־מין. עדעלשטאַט איז געבוירן געוואָרן פיר און פער־ציק יאָר נאָך שעללים טויט — געזונג צײַט פאַרן מענטשן בכלל צו ווערן פאַרשטענדיק, געזעצט, סאָליד, מיושבדיק, באַוווּסט־זיניק — פאַרצווזעצן ווי אַ זון פון פאָלק דאָס, וואָס שעללי האָט אָנגעהויבן ווי אַ זון פון דער אַריסטאָקראַטיע.

מיטן געדרוקטן וואָרט פאַרבינדט ער זיך, עדעלשטאַט, צו די דאָזיקע איידעלע שעללישע אידעאַלן און אַספּיראַציעס דורך דער ליטעראַרער, זוכנדיקער נשמה, וואָס האָט בעת דער ערדישער פאַרוואַנדלונג און וואַנדערונג געטראָגן דעם נאָמען מיכאַיל יוריעוויטש לערמאָנטאָוו (1814—1841) — אַ מיטגליד פון דער זעלביקער עטעריש גײַסטיקער ספּערע־וועלט. אַרײַנ־געפירט צו לערמאָנטאָוון האָט אים נאָך קינדווײַז זײַן צאַרטע טרוימישע מוטער, וואָס האָט געגערט בשפע איר דאַרשטיקע נשמה און געזעטיקט טראָפּנווײַז אירע בענקשאַפטן מיט דעם דיכטערס אימאַזשן און זוכערישע פאַרבענקטקייטן. און אויך ער — לערמאָנטאָוו — האָט געהאַט אַ קורץ — נאָך קירצער — נישט אויסגעלעבט לעבן. און כרת־שנים האָט אויך אים געבראַכט נישט דירעקט דער טויזנט־אויגיקער מלאך־המוות. אונטערגעשניטן זײַן לעבן האָט אַ קויל, וואָס עס האָט אין אים אַרײַנגעשאָסן די מערדערישע האַנט פון אַ חוצפּהדיקן, פּוסטן אָפיצירל, וואָס האָט נאָך געקראָגן אָנערקענונג און פאַרגיטיקונג מצד דער הערשנדיקער אָפּיציאַליטעט פאַר זײַן נידערטרעכטיקן פאַרברעך. זי — די באַלעבאַטעוועדיקע מאַכט — ווען ס׳האָט אַוודאי ביז גאָר אין די עצמות שאַ־קירט און אָנגערירט אַזאַ אייגנאַרטיקער, אומצופרידענער און וואַכער רעבעלישער גײַסט — האָט זיך אַזוי אַרום אומ־געריכט באַפרײַט פון אַן אינעווייניקסטן לעסטיקן און שטאָלצן שונא, וואָס האָט זיך באַין אופן נישט אָפּגעהאַלטן צו זאָגן דעם ביטערן אמת אין די אויגן אַרײַן. און דערפאַר האָט ער סײַ לכתחילה געדאַרפט איבערטראָגן פאַרשיקונגען און באַ־ליידיקונגען און סײַ — לסוף — באַצאָלט מיטן יונגן, הויך־שווונגיקן שעפערישן לעבן.

פון דעמאָלסט, ווען דער פרײַער גײַסט
האָט מיך געמאַכט פאַר זײַן פראָפעט,
באַקעמף איך פאַלשקייט שטאָלץ און דרײַסט
און וועק דעם קנעכט מיט מײַן טראָמפעט. 6)

דערנענטערט מער צום לעבן האָבן עדעלשטאַטן אין די אָנהייב יוגנט־יאָרן איוואַן ססאַוויטש ניקיטין (1824—1861) און ניקאָלאַי אַלעקסעיעוויטש נעקראַסאָוו (1821—1878). „מײַן לײַדנשאַפט פאַר פאָעזיע, איבערהויפט פאַר די רוסישע דיכטער ניקיטין און נעקראַסאָוו, האָט זיך גאָר פרי דערוועקט אין מײַן האַרצן. איך האָב פאַרבראַכט פילע טעג און נעכט איבער זייערע מײַסטערהאַפטע שילדערונגען פון די לײַדן און זאָרגן פונעם אָרעמען רוסישן פאָלק. איך האָב געפילט, אַז דיזע ברענענדע לײַדן האָבן אויך זייער נעסט אין מײַן אייגענער ברוסט, אין מײַן אייגענעם לעבן” (ז' 299) — אַזוי דערציילט אונדז עדעלשטאַט גופא אין דער אויטאָביאָגראַפישער נאָוועלע „וועראַ”. פון דעם ערשטן איז פאַראַן אַן אָנהויך אין טייל לידער. צום צווייטן, נעקראַסאָוון, וועט ער זיך תמיד צוהערן. ער וועט כסדר געדענקען ווערטאַס פאַרזאָג טאַקע אין יענע קוים אַריבער יינגלשע טעג, וואָס זייער געדעכעניש איז ער אויסן צו פאַרפיקסירן: ...„זאָל נעקראַסאָווס מוזע אײַך דינען פאַר אַ מאָדעל אין אײַער שרײַבן” (ז' 318). און ער לאָזט זיך פון אים משפיע זײַן. ער זעצט אים אויך רעלאַטיוו אָפט איבער.

דאָס פאָלק — די אַרבעטזאַמע בינען — צו וועלכן שעללי האָט זיך געווענדט און וועלכעס ער האָט געוואָלט אויפקלערן צו באַוועגן עס זאָל זיך באַפרײַען פון די אומדאַנקבאַרע דראָנען, די לײַדיקגייערס, פאַר וועלכע עס שפינט בגדים, זייט און שנײַדט תבואה, שמידט כלי־זיין, שאַפט רײַכטימער און אַליין געניסט עס פון דעם אַלעם גאָרנישט; דאָס פאָלק, וועלכעס שעללי האָט גערופן עס זאָל נישט שקלאַפן פאַר די באַלײַדיקער, — וואָס זיי, אַנשטאָט אָפצוווישן דעם שווייס

6) דער פראָפעט (נאָך לערמאָנטאָוו), ז' 209.

פון די שטערנס בײַ די פּראָדוצירערס, זייגן זיי גאָר דאָס בלוט זייערס; דאָס פאָלק, וואָס ער האָט געמונטערט עס זאָל זיך דעריליייזן מיט אַקער און רידל, מיט סערפּ און לאָס 7) — צום פאָלק איז אין זײַן, שעללים, צײַט, זײַן, שעללים, וואָרט נישט דערגאַנגען, מחמת אַ דירעקטער אָפּשטאַמער פון אונ־טערדריקערישן קלאַס און מחמת דעם פאָלקס אומוויסן.

דאָס וואָס שעללי האָט בשעתו און אויך לאַנג נאָך זײַן טויט נישט געפּועלט, האָט עדעלשטאַטס וואָרט ערשט גע־קענט באַווײַזן, — נאָך דעם ווי צווישן שעללין און אים איז געווען דער דור אינטעליגענץ, וואָס איז געגאַנגען אין פאָלק 8)

7) זען שעללים שיר: Song to the men of England.

8) ספּעציעל אין רוסלאַנד. אַט עטלעכע סטראָפעס, ווי עדעלשטאַט שטעלט פאַר דאָס אַוועקגיין אין פאָלק אַרײַן פאַרקליידט אין פּויערים־ און אַרבעטער־בגדים. דאָס איז אַ פראַגמענט פון אַ פופצן־סטראָפיק ליד (ז׳ 113־115), אין וועלכן דער מחבר הייבט אַרויס דעם פּראַטאַטיפּ פון די רוסישע פרײַהייטס־קעמפער: סאָפיִע פּעראָווסקאַיאַ (1854—1881). דאָרט ווערט געשילדערט די זאָרגלאָזע היים־סביבה, וווּ „צווישן רײַכטום, בלומען און מוזיק" האָט „איר יוגנט, ווי אַ העלער רעגנבויגן", „געשײַנט מיט ליבע און מיט גליק". דערנאָך די אומוואַנדלונג און פאַרוואַנדלונג ביז צו ווערן סימבאָל. אַבער דאָס, וואָס עס ווערט דאָ געזאָגט, איז חל און אַנווענדיק אויף כמעט אַלע רעוואָלוציאָנערן אין יענעם פּעריאָד.

זי האָט פאַרלאָזן די וועלט פון רײַכע גראַפן,
  אין פּראַסטע לאַפּטשעס און אַ סאַראַפאַן
איז זי אַוועק צו אונטערדריקטע שקלאַפן
  פרייידיקן האַס צו יעדן טיראַן.

זי איז אַוועק צו די, וואָס אַקערן, זייען, שנײַדן
  פאַר אונדז דאָס ברויט מיט זייער שוויס און בלוט
און אַליין נאָר קעלט און הונגער לײַדן
  און שטייען פאַר זייער רויבער אַן אַ הוט.

צו זיי האָט זי געבראַכט די פרײַהייטס־לערע
  און האָט מיט טרערן דערלאַנגט דעם פאָלק איר האַנט.
זי האָט אין אים געוועקט זײַן מענטשן־ערע,
  גערופן אים צום קאַמף, צום ווידערשטאַנד.

(ז׳ 114)

און צוגערייט דעם באַדן, אַז פון המון גופא זאָל געבוירן ווערן דער באַגייסטערער און אויפקלערער. און דוד עדעלשטאַט, ווי אַ דירעקטער זון שוין פון פאָלק, האָט געקענט אַרײַנדרינגען אַהין, וווהין בלויז געציילטע איז געווען מיגלעך אַרײַנצודרינגען, און באַוויַיזן אויפצוטאָן דאָס, וואָס גאָר ווייניק פאַר אים האָבן באַוויזן.

אָבער דאָס זאָל צו שטאַנד קומען האָט ער געדאַרפט געבוירן ווערן אינעם לאַנד פון קלאַסישן „גיין אין פאָלק"; מגולגל ווערן אַ דאַנק דער אידעע פון יידישן עם־עולם אין לעבר־הים אַרײַן; אַרײַנפאַלן אין די שוויץ־פאַבריקן מיטצולעבן און מיטצולײַדן מיט דער מאַסע אַלע פורעניותן אויף אַמעריקאַנער ערד, ווו מען רעדט דאָס זעלביקע לשון, אין וועלכן שעללי האָט צאַרט אויסגעטרוימט זײַנע נביאישע וויזיעס וועגן אַ הימלש האַרמאָניש און לויטער לעבן אויף דער ערד און אין וועלכן ער האָט אויסגעשטורעמט זײַנע העפטיקע רעוואָלוציע־ און שינוי־טראַגנדיקע קאַמפּס־לידער און פּאָעמעס. און דורך די צוויי לענדער — אַמעריקע און ענגלאַנד — אָנקומען און גרייכן צו אַלע יידן אויף דער וועלט.

נאָר אַט דאָס אַלץ, דער דאָזיקער גאַנצער אומוועג־וואַנדל, וואָלט אַפילו נישט געווען נייטיק, בכדי עדעלשטאַט זאָל מקיים זײַן זײַן שליחות, ווײַל במילא ירשנט אין פּאַטענץ יעדער שפּעטערדיקער דור אַלדאָס קערנדיקע, תמציתדיקע, תוכיקע, וואָס די פריערדיקע דורות האָבן געטראָגן און געלאָזן בירושה.

וואָס האָט אין עדעלשטאַטן גופא דערוועקט די דערקענטעניש? און וואָס האָט אים דערבראַכט צו זײַן אַקטיוו?

צוויי מלוכיש פּראָוואָצירטע מערדערײַען אין רוסלאַנד און אַ דריטס אין אַמעריקע האָבן דעצידירט — פריִער צו שטעלונג און דערנאָך צו אַקציע: 1) דאָס פאַרפאָלגן און שטראָפן אַכזריותדיק רעוואָלוציאָנערן און בכלל די פאַרדעכטיקטע יוגנט און 2) דער קיִעווער פּאָגראָם אויף יידן אָנהייב מאַי 1881, וואָס צעברעכט דאָס אײַדל האַרץ פונעם נאָך נישט

פופצן יעריקן בחורל ביז ערנסט קראַנק ווערן; און 3) דער טויטאורטייל אויף די טשיקאַגער אַרבעטער-טוער און דאָס דורכפירן דעם פסק (1886—1887), וואָס דערשיטערט אים ווי־דער, שוין אַ צוואַנציק יעריקן, און ברענגט שיער נישט צו אַ סכנהדיקן גײַסטיקן קריזיס. דאָס האָט דערפירט צום לעצטן, אַנטשיידנדיקן, אונטערצי זײַן באַוווסטזײַן.

אָפּגעטיילט אין יאָרן איינע פון די אַנדערע, האָט זיך אָבער אין דער צווישנצײַט געשמידט זײַן גײַסט און באַשטימט וואָס פאַרא וועג ער זאָל אויסוויילן. עפּעס גאָרנישט קיין שפּילעכל: עס ווערן פאַרפאָלגט און אומגעבראַכט מענטשן, סײַ אומשולדיקע, סײַ אַזעלכע וואָס אַרבעטן בלב ונפש פאַרן טובת הכלל, אָן אַ סימן אייגננוץ — אַזוי דאָרט, אין שוואַרצן צאַרישן פאַרתפיסהדיקטן געבוירנלאַנד זײַנעם, פון וואַנען ער האָט זיך געזוכט אַרויסצורײַסן אין בענקעניש נאָך פרײַהייט, צו לעבן אין איר, נהנה זײַן פון איר מיט אַלע אירע לאָקנדיקע שיינקייטן און חנען, און אַזוי דאָ, אין דעם געמיינטן פרײַען לאַנד, וווּ — ווי עס ווײַזט אויס — עס לעבט בלויז די פרײַ־הייט צו לײַדן, צו פאַרשקלאַפט זײַן, צו גיין אײַנגעשפּאַנט אין יאָך אין שוויצשאָפּ, אָדער אויסגעשטעלט זײַן צו בלײַבן פרײַ פון אַרבעט און פרײַ הונגערן, פרײַ קראַנק ווערן און שטאַרבן.

דאָס אַלץ, דאָרט ווי דאָ און אומעטום, מוז מען אומענ־דערן. צו מאַכן שינויים — איז פאַראַן בלויז איין שאַנס: מען מוז קעמפן. און אויב קעמפן — איז פאַר פולער שיינקייט, פולער פרײַהייט, פולער גוטסקייט, פולער גערעכטיקייט. נישטאָ — און עס קענען נישט זײַן — קיין האַלבע זאַכן. אויך קיין שום אַרבעט איז נישט געמאָלט צו טאָן אויף העלפט.

ה אַ ל ב ע פ ר ײַ ה י י ט איז קיין פרײַהייט!\
דאָס איז פאַרפוצטע שקלאַפן־שאַנד:\
זי וועט זעטיקן אונדזער מאָגן\
און פאַרשקלאַפן דעם פאַרשטאַנד!

(„אונדזער אידעאַל", ז' 60-59)

און וואָס דען פירט צו פולקייט פון געווינסן און אויס־זיכטן פאַר זיי, אויב נישט אַנאַרכיזם?

ביז די דאָזיקע אידעען האָבן געקענט אַרײַנדרינגען און זיך געקענט אָננעמען אין פאָלק, האָט געמוזט אַוועקגיין אַ שפּאָרע צײַט. דאָס באמת גוטסטראַגנדיקע, וואָס קומט פון אויבן, דערגייט נישט אַזוי גיך צום פאָלק. און אַז עס דערגייט און קומט יאָ צו — האָט דאָס פאָלק נישט קיין צוטרוי צו דעם. עס איז געפּרוּווט געוואָרן צו פיל מיט אָפּנאַרערישע צוזאָגן כל ימיו. עס דאַרף קומען איינער פון פאָלקס אייגענער מיט, און ער — דער איינער — גופא דאַרף ערשט מיט זײַן הנהגה און פּערזענלעכן בײַשפּיל דערווײַזן צו איבערצײַגן, אַז ער מיינט עס טאַקע באמת ערנסט און אויפריכטיק. וויפל דעמאַגאָגן האָבן שוין אויסגענוצט די לאַגע אויף צוצוציִען, אַרײַנצולאָקן און — צו פאַרפירן?

זינט שעללין ביז עדעלשטאַטן איז אַוועק די געניגיקע צײַט, אַז פון צווישן פאָלק גופא זאָל בכוח זײַן אַרויסצוּוואַקסן אַ יורש פון די ווילמיינערישע און גוטסטראַגערישע אידעאַלן. פון איינעמס טויט ביז דעם צווייטנס געבורט זענען אַריבער געניג יאָרן, אַז די זריעה־קערנער זאָלן קענען פאַלן אויפן ריכ־טיקן באָדן, אין קרקע־בתולה, ווי דער המון־עם איז יעמאָלט געווען, און זיך אָננעמען, אויפשפּראָצן, בליִען און אויסשטיין צײַטיקע פרוכטן. עדעלשטאַט האָט שוין געטראָגן רײַפע זאַפ־טיקע פירות צו ווײַזן. און ער האָט שוין געוווּסט ווי זיי אונ־טערצוטראָגן און דערלאַנגען. ער האָט געוווּסט צו ריידן אויף דעם פאָלקס קלאָרסטער, פּשוטסטער שפּראַך און מיט יענער ערלעכער, אויפריכטיקער איבערצײַגנדיקייט, אַז דאָס פאָלק זאָל אים פאַרשטיין און באַנעמען און עס זאָל אים אויך ממש בלינד גלייבן.

אויב עדעלשטאַטס פאָרגייער — שעללי, — איז אַוועק אַ סך ווײַטער לגבי פאַרשטעלן דאָס העללעך בילד פון צוקונפ־טיקן לעבן ווי דער יורש האָט עס בכלל געקענט מאָלן — איז אָבער דער יורש און איבערנעמער, ד"ה עדעלשטאַט, יאָ בכוח

געווען צו באווייזן דאס שלעכטס, וואס מען דארף אפשאפן, בכדי צו דערגרייכן דאס להבאדיקע גוטס, און די מיטלען צו אפשאפן עס און פטור ווערן פונעם שאלטעווענדיקן רישעות. טאקע דער זעלביקער אידעאל ביי ביידן און דער זעלביקער ציל — אבער יעדנס עובדא איז געווען אן אנדערע. מיטן פאר־לויפערס — שעללים — דאזיקן לויטערן בילד פאר די אויגן, האט דער נאכקומער, ערעלשטאט, געקענט א זיכערער ביי זיך זיך ווענדן צו זיין אוידיטאריע — זיינע ברידער — און זיי צורעדן אנצונעמען שריט צו רעאליזירן עס. עס האט בלויז געפעלט — און עס פעלט נאך, ווי אונדז! — מען זאל די רייפע יאדערן אויסשיילן צו קענען זיי געניסן און קוויקן זיך מיט זיי.

אבער ס׳איז נאך, אפנים, נישט געווען צייט די אידעען זאלן ווערן ווירקלעכקייט; פונקט ווי אין שעללים צייטן איז נאך אוודאי געווען צו פרי. אפגעטאן זיין חלק פליכט — איז ערעלשטאטן מער נישט געבליבן קיין לופט צו אטעמען. איז געקומען צו אים דער טויט דורך א לונגען־קראנקייט, טובער־קולאז, וואס פירט אויך נישט־אויסמיידיק צו א גיכן לעבן־איבעררים.

טאקע נישט נתגשם געווארן דער ציל — אבער ער האט אויפגערודערט, אויפגערירט, צעברויזט און שוין נישט גע־לאזט זיך צוריק מער בארויקן און איינשטילן.

דער איינציקער מעגלעכער פארווירקלעכער און דער איינציקער באדערפטיקער געניסער איז געווארן וואך פאר לטובהדיקע שינויים.

עס איז נישט קיין נייעס, אַז פּאָעטן זאָלן מיט זייער וואָרט משפּיע זיין צו אַספּיראַציעס און דערנאָך צו מעשים — די אַספּיראַציעס צו שטאַנד צו ברענגען אין דער ווירקלעכקייט.

יעדע עפּאָכע האָט אירע פּראָבלעמען און איר אופן און שטייגער צו געפינען אַ פּתרון פאַר זיי. און יעדע גרויסע וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג אין לעבן פון אַ פאָלק רופט אַרויס אירע אַנהענגער, אירע באַזינגער און אירע ריטער־פּאַלאַדינען, דיכטער־באַרדן, וואָס זענען גרייט זי צו דינען בלב ונפש, אָן אָפּהאַלט און אָן תרעומות.

שוין אין אַלטן גריכנלאַנד ווייזן זיך פּאָעטן וואָס האָבן אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אין פּאָליטישן לעבן, אין גאַנג און אויסוויקלונג פון געשעענישן און מעשים.

אין דער עפּאָכע פון די שטרייטן און איבערגאַנג פון קעניגלעכער מאַכט צו דער הערשאַפט פון דער אַריסטאָקראַטיע און דערנאָך צו דעמאָקראַטיע, שפּילן זיי אַ נישט קליינע ראָליע. ס׳איז אַ ביז גאָר רירעוודיקע און אינטערעסאַנטע צייט און נערוויק באַוועגלעך לעבן. אינערלעכע יוירונגען צווישן דער באַפעלקערונג, קאָלאָניזאַטאָרישע עקספּעדיציעס, אינוואַזיעס, אָנפאַלן פון פעלקער און שבטים פון נעענטערע און ווייטערע לענדער; קאַמפן פאַר העגעמאָניע פון פאַרשיידענע שטעט, פעלקער, קולטורן. דאָ רוקן זיך אַרויס פּאָעטן. אָט, אַ שטייגער, קאַלינאָס פון עפעס, אין קליין־אַזיע (אַרום סוף אַכטן אָדער אָנהייב זיבעטן יאָרהונדערט פאַר הייינטיקער צייט־רעכענונג), רייצט זיינע לאַנדסלייט צו פאַרטרייבן די קימעריער, וואָס האָבן אינוואַדירט דאָס לאַנד.

א גאָר אָנגעזעענער באַגײַסטערער איז געווען **טירטאַיאָס** (זיבעטער יאָרהונדערט פאַר דער איצטיקער צײַט־רעכענונג). די ספּאַרטער האָבן אין אים אין אַן עת־צרה געפונען אַן אינספּירירנדיקן אָנרעגער און ענערגיע־אײַנגעבער.

טירטאַיאָס איז געווען אַ געוויינלעכער אָנפאַנגסשול־לערער, דערצו מיאוס, בלינד אויף אַן אויג, הינקעדיק און נאָך געשמט פאַר אַ שוטה און משוגענעם. פון דעסטוועגן האָט דאָס נישט געשטערט, אַז ער אַליין און זײַנע מאַרשלידער, די עמבאַטעריאָס, און זײַנע מוסר־לידער, די כיפּאָטעבאַי, זאָלן דערפירן צו אַ נצחון געניטע און געשולטע קריגסלײַט, און נישט זייער אייגענע אויסטויגעוודיקייט און אויסגעפּרוווט־קייט אויפן שלאַכטפעלד. נאָך מער: ער איז געוואָרן דער באַ־שייד און די לייזונג צו אַן אַנגסטיק שווער, פאַרצווייפלענדיק פּראָבלעם.

אין דער צײַט פון דער צווייטער מעסענער מלחמה האָט די מיליטעריש דערצויגענע און צו קריג גוט צוגעגרייטע ספּאַרטע געהאַלטן בײַ אָנווערן צו איר אָנגרײַפער און זיך געזען געצוווּנגען, אויף די אַטענערס אָנווײַז, אָנצונעמען דעם דאָזיקן פּאָעט פאַר אַ פירער. מיגלעך, אַז דאָס האָט אים אַטען רעקאָמענדירט מיטן מיין אָפּצוחוזקן פון די קריגערישע און קאָנסערוואַטיווע, רעאַקציאָנערע ספּאַרטאַנער, וואָס האָבן נישט אַרײַנגעלאָזט קיין פּראָגרעס אין זייער קהילה־לעבן און האָבן באַקעמפט די דעמאָקראַטישע אידעען, וואָס האָבן זיך אין יענע צײַטן גענומען אויסשפּרייטן און אײַנוואָרצלען זיך. באַקעמפט זיי מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט. עס האָט אפשר נישט געפּאַסט פאַר די ספּאַרטער, אָבער ווען זיי נעמען נישט אָן די עצה, וואָלטן זיי אוודאי פאַרלוירן לגבי דעם שונא.

טירטאַיאָס איז נישט געווען, פאַרשטייט זיך, קיין קריגס־פירער, קיין גענעראַל צי סטראַטעג. דאָס האָט זײַן אימפּעטיק דיכטעריש וואָרט ממש אַרײַנגעבלאָזן נײַעם אָטעם, מוט און ענערגיע און אַ נישט־אָפּהאַלטעוודיקע קאַמף־גרייטקייט, נאָך אַ געניטן צוריקצי פון שלאַכטפעלד קעגן די מעסענער אינ־

וואַדירער, וואָס האָבן געהאַט אַלטע חשבונות מיט ספּאַרטע. די תּמיד זיגערישע לאַצעדעמאָניער (ספּאַרטער) איז שוין גי־כער אָנגעשטאַנען דער דאָזיקער פיזישער קריפּל ווי אַ גורם צו נצחון איידער האָבן אַ מפּלה אויפן שלאַכטפעלד. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז די שטרענג מיליטערישע דערציִונג און אויסבילדונג, וואָס די ספּאַרטער באַפעלקערונג האָט באַקומען פון קינדווייז אָן און דאָס ספּעציפישע שטייגער לעבן פון קריגסלײַט, וואָס זי האָט געפירט, האָבן נאַטירלעך קאָנסעק־ווענט אויסקולטיווירט פון יעדן בירגער אַן עקסטרעם געניטן און פעיִקן סאָלדאַט און איין וועגס געמאַכט פון מלחמה און זיכערן נצחון ממש אַ קולט. וואָס דאָס מיינט, אַז אַ מפּלה וואָלט באַדײַט די גרעסטע חרפּה, נישט מוחל צו זײַן זיך. און לאָמיר אויך געדענקען, אַז דאָס ספּאַרטער פאָלק האָט זיך נישט באַפרײַט קיין מאָל פון דער אַריסטאָקראַטיעס הערשאַפט און די דעמאָקראַטישע אידעען האָבן אַהין קיין מאָל נישט געקענט אַרײַנדרינגען, מחמת דער הערשנדיקער שיכט האָט זיי באַקעמפט פאַרביסן. נאָך מער: ספּאַרטע האָט באַשטריטן יעדן פאָרשריט אויך בײַ אירע שכנים און אים געזוכט אויסצו־ראָטן ווו ער איז יאָ אַרײַנגעדרונגען. מען קען דערפון גוט פאַרשטיין, ווי ווירקהאַפטיק טירטאַיאָסעס ליד איז געווען. מע קען דרײַסט זאָגן, אַז דאָס מאָראַלישע און ריטמישע וואָרט פון אַ דיכטער האָט געפירט צו אַ זיג די מיליטעריש גוט געשולטע ספּאַרטער חיילות און נישט זייער אייגענע דער־ציִונג און פעיִקייטן צו מלחמה 9).

קלאָר, אַז מיר מיינען דאָ נישט אַרויסצוהייבן דאָס מלחמה־ליד און זענען אויך נישט אויסן צו גלאָריפיצירן דעם שעפער פון אַזאַ ליד. טירטאַיאָס האָט, במשך די זעקס און צוואַנציק יאָרהונדערטער זינט ער האָט געלעבט, געהאַט אין דער וועלט אַ שפּאָר ביסל נאָכמאַכער, און צווישן זיי געפינען זיך די באַ־רימטסטע און גערימטסטע דיכטער. און מיר ווייסן מיט וויפל פּאָעטן האָבן מיטגעהאָלפן אויפצוּוועקן און אונטערצוהעצן צו

9) זען אין די ה ו ס פ ו ת דעם צווייטן צוגאַב (ז' 101).

מלחמה. פונקט ווי צו גוטס, אזוי קענען — צו אונדזער גרויסן ווייטאג — אויך צו שלעכטס משפיע זיין פאעטן. אבער דער פארגייער איז נישט שולדיק דערין, וואס די שפעטערע נאכקומער פארדרייען דעם תחילתדיקן מיין. מיר ווייסן, וואס מלחמה איז און האבן געזען די גרוילן, וואס זי ברענגט מיט זיך. מלחמה האט נישט און קען קיין נישט האבן קיין שום בארעכטיקונג — פון קיין שום קוקווינקל נישט. דאס איז דאס אומגליק פון אומגליקן. נישטא קיין גרעסער שלעכטס. דאס איז דאס שלעכטס פון שלעכטסן. אבער איין זאך איז מלחמה צוליב מלחמה, בכדי צו פארכאפן יענעמס ערד, צורויבן פרעמד האב און גוטס און די באפעלקערונג אונטערצודריקן און בכלל אומברענגען מענטשן און חרוב מאכן, און עפעס אנדערש איז פארטיידיקן זיך פון אן אנגרייפער און אנפאלער און חורבן־טראגער. אזא מוז מען מנצח זיין, און אויסראטן אפילו, אויב עס גייט זיך נישט איין מיט גוטן אויסצוווארצלען פון אים דאס גיר־ און דראנג־שלעכטס.

א צווייטער גריכישער פאעט, וואס האט אנגערייצט אין א געוויסן מאמענט צו קריג, איז געווען נישט קיין אנדערער, ווי דער אטענער סאלאן (639—559 פאר דער אנגענומענער צייט־רעכענונג). דער דאזיקער נאמען — סאלאן — איז פארבליבן אין דער געשיכטע ארומגענומען מיט א סך סימפאטיע פאר לויבנסווערטיקע אויפטוען. א באריטמטער מלוכה־מאן, געזעץ־געבער, מאראליסט און פאעט, איינער פון די אנערקענטע זיבן חכמים פון דער אנטיקער וועלט — האט דער דאזיקער איידעלער און אייגנארטיקער מענטש אויפגעטאן גארנישט וויניק פאזיטיווס פאר זיינע לאנדסלייט. זיינע פערזענלעכע מעלות, זיין מוסטערהאפטיק לעבן און די סאציאלע רעפארמעס, וואס ער האט איינגעפירט, האבן נאך אים געלאזט א פארדינטן גוטן שם ביז צו היינטיקן טאג.

סאלאן איז געווען א מענטש פון טאט, און וואס ער האט געפרעדיקט, האט ער אליין זיך געמיט דורכצופירן און פארווירקלעכן. ער האט געלעבט קאנסעקווענט מיט זיינע קאנ־

צעפּציעס און מיט זײַן וועלט־אָנשויונג און האָט געזוכט פאַר זיי באַקרעפטיקונג, צו באַשטעטיקן זייער ריכטיקייט און דורכפירלעכקייט, אין אייגענער עקספּעריענץ. האָט אַ לעבן לאַנג געלערנט פון לעבן. אין דער יוגנט געווען אַ סוחר, בכדי צו האָבן אַ געלעגנהייט אַרומצופאָרן איבער לענדער און שטעט און באַקענען זיך מיט מענטשן, מנהגים, פירונגען; ס׳הייסט: צו בילדן זיך, צו באַקומען וואָס מער וויסן און דערפאַרונג און נישט מחמת ריווחים און רײַך צו ווערן. ווען ער איז שוין געווען אַ זקן האָט ער טאַקע געזאָגט וועגן זיך: „איך עלטער זיך און לערן יעדן טאָג אַ סך זאַכן“. אָבער ער איז געווען באַרעכטיקט צו זאָגן עס פריִער אויך. פון עשירות האָט ער נית געהאַלטן צו פיל; זײַן מיינונג איז געווען, אַז עס זענען אַלץ איינס רײַך „דער וואָס האָט אָנגעזאַמלט אַ סך גאָלד און זילבער, ברייטע פעלדער מיט שפעדיק שניט, און אייזלען און פערד, און דער וואָס האָט בלויז זײַן ערלעך אויסקומעניש, וואָס גענוגט צו עסן און קליידן זיך באַקוועם; און וויבאַלד אין פרוי און קינדער פאַרמערסטו נאָך דערצו שיינקייט און יוגנט — איז דאָס גליק פול“. ער האָט געוווּסט, אַז „אַ סך רשעים האָבן עשירות בשפע און אַ סך גוטע אָכצן אין אָרעמקייט“. ער, דער מלוכה־מאַן, האָט שוין געוואָרנט — פּונקט ווי אַן ערך פיר הונדערט יאָר פריִער האָט שמואל הנביא געוואָרנט די ייִדן קעגן אַ מלך — אַז „אויב איר זעט זיך אונטערדריקט, וואַרפט אַרויף די שולד אויף זיך אַליין; רופט עס נישט אָן גאָטס שטראָף. מיט געבן געוויסע מענטשן מאַכט, מיט אויסטיילן זיי — קויפט איר זיך די העסלעכסטע פאַרקנעכטקייט“. ווי דאָס איז אמת ביז הײַנט און ווער ווייסט ביז ווי לאַנג נאָך!...

סאָלאָן האָט געוווּסט, אַז ווען איינער מישט זיך אַרײַן אין צווייטנס עסקים, ברענגט עס בלויז אומגליק:

הורבעס שניי און האָגל קומען פונעם וואָלקן
און דער דונער געבוירן ווערט פון שײַנענדיקן בליץ,
דורך די ווינטן ווערט שטורעמדיק און צאָרנדיק דער ים;

ווען קיינער רירט אים נישט —
איז אין דער נאַטור נישטאָ קיין רויִקערס.

סאָלאָן האָט זיך נישט געיאָגט נאָך קיין כבוד און הויכע אַמטן, כאָטש ער האָט פאַרנומען דעם העכסטן פירנדיקן אַמט אין דער אַטענער רעפּובליק: ער איז געווען אַרכאָנט און פאַר זיינע וויכטיקע אויפטוען האָבן זיינע לאַנדסלייט פאַרלאַנגט אַפילו ער זאָל ווערן זייער קעניג אָדער טיראַן. אָבער ער האָט נישט געוואָלט אַפילו הערן דערפון. און מען דאַרף געדענקען, אַז טיראַן האָט יעמאָלט נישט באַדייט דאָס וואָס איצט: ס'איז געווען אַ סך — אַן אומפאַרגלייכלעך — מילדערע פאָרעם פון באַהערשן, ווי מיר זענען עס געוווינט געוואָרן היינט איבערצוטראָגן. און ער האָט אַפילו שאַרף און העפטיק באַקעמפט זיין קרוב פיסיסטראַטן, ווען דער דאָזיקער האָט זיך גענומען רעגירן (טייל סאָלאָנס רייד אין שייכות דערמיט האָבן מיר שוין נאָר וואָס געבראַכט), און מחמת דעם זיך געזען געצוווּנגען אַוועקצולאָזן זיך אין גלות.

ווי מיר זעען פון די פריִערדיקע ציטאַטן, איז די פּאָעזיע פאַר סאָלאָנען געווען אַן אינסטרומענט צו פאַרשפּרייטן אידעען; און ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ציל חוץ ווילזיין און די דערציִונג פון פאָלק. זיינע לידער זענען פול מיט פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל צו די ליידנדיקע, שנאה צו די אונטערדריקער און שטאַרקער ליבע צו פרייהייט. זיין דיכטונג איז אַ ריין דידאַקטישע, מאָראַליזירנדיקע, ווי ס'איז געווען העסיאָדס. פון דעם זעלביקן שניט.

אין תוך פון זיין וועזן — קען מען פאַרשטיין — איז סאָלאָן געווען אַ רודף-שלום, אָבער גלייכצייטיק אַ מוטיקער, נישט אַפּגעשראָקענער קעמפער. וואָס שייך זיין רוף צו מלחמה, איז עס פאַרבונדן מיט דעם אַ עפּיזאָד: נאָך אַ לאַנגיאָריקן אויסמידנדיקן קאַמף צווישן אַטען און מעגאַראַ פאַר דעם באַזיץ פון אינדזל סאַלאַמין, סאָלאָנס געבורטסאָרט, האָט מען די פון שטרייט פאַרמאַטערטע און כסדר פאַרלירנדיקע אַטענער פאַרבאָטן אונטער טויטשטראָף צו ברענגען פאַרן

מויל אַפילו וועגן צוריק אָפּגעווינען דאָס אינדזל. אַזאַ חרפּה האָט סאָלאָן נישט געקענט איבערטראָגן. אַ סך פון דער יוגנט האָבן אויך נישט געקענט צושטימען צו אַזאַ אומגערעכטן און שטרענגען פּאַרוועך. און סאָלאָן האָט באַשלאָסן צו מאַכן זיך פאַר משוגע און אויף אַזאַ אופן קענען בפרהסיא אַרויס־טרעטן צו באַווירקן מען זאָל ענדערן דעם באַשלוס און אי־בער אַ נײַעם אַרויס אין קאַמף. פון זײַן היים גופא איז אַרויס קודם אַ קלאַנג וועגן זײַן מטורף־ווערן. דערווײַל האָט ער פאַר־פאַסט עלעגישע פּאָעמעס אַרום דעם ענין סאַלאַמין, זיי אויס־געלערנט, און דערנאָך זיך אָנגעטאָן אַ מיצל אויפן קאָפּ, ווי אַ משוגענער, און מיט העוויות פון אַ חסר־דעה אַרויסגעלאָזט זיך אויף אַן עפנטלעכן פּלאַץ. און ווען אַרום אים האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרויסער עולם, האָט ער גענומען רעציטירן די עלעגיע. ער האָט געזונגען און פרענעטיש באַגײַסטערט די אָנוועזנדיקע און דאָס האָט דערפירט מען זאָל אָפּשאַפן דאָס געזעץ און דערמעגלעכן צוריק געווינען סאַלאַמין. אַזוי צו האַנדלען האָט מען באַדאַרפט האָבן טאָפּלטפאַכן מוט פון אַ פרײַען מענטשן: אי דערוועגן זיך צו וועלן אָנגיין פאַר אַ משוגענעם, אי אויסשטעלן דאָס לעבן אויף אַ זיכערן טויט פאַר עובר זײַן אויף אַ געזעץ־פאַרבאָט. ס׳איז גאָרנישט פון די קלייניקייטן וואָס פאַראַ קאָנסעקווענצן ביידע האַנדלונ־גען קענען ברענגען מיט זיך. אָבער פאַר דעם וואָס איינער האַלט עס פאַר גערעכטיק — דאַרף ער זיך אָן אָפּהאַלט אײַנ־שטעלן, נישט געקוקט אויף די פאָרגעזעענע סכנות, ווי גרויס זיי זאָלן נישט זײַן, און זײַן דערבײַ גרייט אויפצונעמען אומ־גערעכטע געפאַרן און נישט איבערראַשט ווערן. מחמת דערין זענען אויך די מיגלעכקייטן און אויסזיכטן פאַר געווינסן.

אויך דאָס מאָל איז גרינג זיך משער צו זײַן וואָס פאַראַ השפּעה דאָס דיכטערישע וואָרט האָט אויסגעאיבט, ווײַבאַלד אַפילו דער רוף פון אַ חסר־דעה (הגם אין דעם פאַל בלויז אַ געמאַכטער) האָט געקענט באַווירקן אַרויסצוטרעטן קעגן אַזאַ

שטרענגען פאַרוועך, אַן מורא פאַר טויטשטראָף, און נאָך אויספּועלן משנה צו זײַן אים.

דאָס קען אפשר ווידער אויסזען ווי אַ מין וועלן גלאָרי־פּיצירן מלחמה. ניין, נישטאָ קיין זאַך פון וועלכער מיר זאָלן זײַן אַזוי ווײַט, ווי דערפון. עס גייט אָבער יאָ וועגן וועלן אַרויסברענגען און אונטערשטרײַכן דעם דיכטערס באַווירק און אײַנפלוס, בפרט ווען זײַן וואָרט איז אויפריכטיק. דאָס העלפט אויך אויפצוקלערן דעם פענאָמענאַלן פאַל דוד עדעלשטאַט... ווי עלול דאָס דיכטערישע וואָרט איז אויפצורירן און אָנצוצינדן! הלוואַי וואָלט מען דאָס געוווּסט אויסצונוצן לטובת גוטסטערישקייט און נישט פאַרקערט...

●

מיר האָבן דאָ נישט דערמאָנט די דאָזיקע גריכישע פּאָעטן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. מיר זענען זיך מיט זיי מעיין און מפלפל, ווײַל דאָס זענען פּאַרצײַטיקע פאַרלויפער עדעלשטאַטס. מיר ווייסן, אַז אין יעדן שפּעטערדיקן דור לעבט דאָס שוין דערקענטע פון די פריִערע דורות, פּונקט ווי די ראשונים גרייטן שוין צו דעם באָדן פאַר דערנאָכיקע אויסגעפינסן און דערקענטענישן.

צי עדעלשטאַטן זענען געווען באַקאַנט אָט די דיכטער? מיר דאַרפן אָננעמען, אַז יאָ. על־כל־פּנים האָט ער וועגן גריכנלאַנד געדאַרפט האָבן גענוג ידיעות. אין דער אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג „וועראָ" דערוויסן מיר זיך, אַז נאָך אין די ערשטע יוגנט־טעג האָט אים אַ פרעזאָן (הגם אַ נישט סימפּאַטישע) שוין גערעדט וועגן דער אַנטיקער גריכישער פּאָעזיע און געעצהט: „האָט איר אַ באַגריף פון **האָמער? ...** זעצט זיך אַוועק און שטודירט די גריכישע דיכטער־קונסט, די ריינע וואָרע געטין פון אַלע קונסטן פון דער וועלט" (זז' 304-305). דאָס האָט אין עדעלשטאַטן אַוודאי אַרויסגערופן נײַגער און חשק צו דערוויסן זיך וועגן דעם ענין וואָס מער.

און אַז ער האָט זיך אינטערעסירט, און זיך דערוווּסט

טאַקע — און נישט ווייניק, — דאָס נעמען מיר אַרויס פֿון אַ צופֿעליקן זײַטיקן פֿאַרגלײַך (כאָטש מסתמא שוין גאָרנישט צופֿעליק...) אין אַרטיקל „פּרינציפּנלאָזיקייט פֿון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור אין אַמעריקע". אָט איז דער זאַץ, וואָס גיט אונדז — דורך זײַן אויסלאָז — אַ גוטע געלעגנהייט אַזוי צו האַלטן: „הערט זיך צו צו דער רעוואָלוציאָנערער שטימע פֿון דער ראַדיקאַלער רוסישער ליטעראַטור — און איר וועט באַגרײַפֿן די מעגלעכקייט פֿון אַזעלכע ווונדערבאַרע דערשײַנונגען, ווי די אומשטערבלעכע פֿרײַהייטס־קעמפֿער און קעמפֿערינס אויף דעם רוסישן סאָציאַלן שלאַכטפֿעלד, וועלכע געפֿינען נאָר זייער גלײַכן אין די קלאַסישע בילדער פֿון דער גריכישער און רוימישער געשיכטע!" (זז' 381־382). אַ פֿאַרגלײַך, וואָס איז דוכט זיך געמאַכט אַגב־אורחאדיק, פֿאַרבײַגייענדיק, ווי געשריבן בײַם ראַנד. אָבער די דאָזיקע ווי כלאחר־ידיקע באַמערקונג וועקט אין אונדז די זיכערקייט אין אַ געוויסער באַקאַנטשאַפֿט זײַנער מיט גריכנלאַנד.

אויך אין איינעם פֿון זײַנע פּראָיעקטן פֿאַר אַן אַרײַנפֿירוואָרט צו זײַן לידערבוך נעמט ער אויס, אַז מען זאָל בײַ אים נישט זוכן „די הייליקע האַרפֿע פֿון אַ האָמער" און „די עלעגאַנטע קינעט", ווײַל מען וועט זיי בײַ אים נישט געפֿינען... 10). און דאָס ליד וועגן אויגוסט שפּיז הייבט ער אָן מיט אַ פֿאַרגלײַך צווישן דער ווערדיקער האַלטונג פֿון טש־

10) זען ז' 106 אין: דאַוויד עדעלשטאַט „געקליבענע ווערק", באַנד 2 — לידער. אויסגאַבע פֿון פֿאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1935; 338 זײַטן. — אויך ז' 151 אין קלמן מרמר'ס „דוד עדעלשטאַט", איקוף־פֿאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1950; 410 זײַטן. — אַגב: ק. מרמר'ס בוך איז די פּרוכט פֿון אַ לאַנגער, אַנגעשטרענגטער און גענויער פֿאָרשונג. דאָ איז אַרײַנגעלייגט אַ סך געטרײַע, גוטע און ווערטיקע אַרבעט. מען קען זאָגן, אַז דער מחבר האָט אויסגעשעפּט אַלע מיגלעכע מקורים. אָן דעם ווערק וועט קיין שום עדעלשטאַט־פֿאָרשער זיך נישט קענען באַגיין. אַ שאָד בלויז, וואָס דאָ און דאָרט פֿאַרגעסט נישט דער אויטאָר צו צאָלן אומנייטיקע צינדזן צו אַ געוויסער ריכטונג און טײַטשט אויס מחמת דעם טענדענציעזן וויכטיקע ענינים. און דאָס פֿאַרמינערט באמת טיילווײַז די ערנסטקייט און וויכטיקייט פֿונעם ווערק.

קאַגער מאַרטירער מיט דעם מאַרטירער פון אוראַלטן גריכנ־לאַנד, דעם אויסנאַמיקן מענטש, לערער פון זײַנע מיטבירגער, מדריך פון דער יוגנט און רבי פון פילאָסאָפן — **סאָקראַטעס** (399—470), דער גראַנדיעזער פראַקטישער פאַרגייער פאַר דעם מענטשנס אידעאַלסטער דערציִונג.

רויִק און שטאָלץ, ווי דער גרויסער סאָקראַט,
איז ער אויף דעם גאַלגאַן געשטאַנען;
זײַן יעדעס וואָרט איז געווען אַ טאַט,
אַ טויטשלאַג פאַר ווילדע טיראַנען!

זעלטן האָט זיך העלדישער, העכער,
דערהויבן אַ מענטשלעכער גײַסט!
בלאָס זענען געוואָרן די הענקער־פאַרברעכער;
ער — אומדערשראָקן און דרײַסט!

אאַז"וו. ז' 125.

סאָקראַטעס האָט זיך געמיט אײַנצופלאַנצן אין זײַנע מיטמענטשן דאָס אַליין זעלבשטענדיק טראַכטן און האָבן אַן אייגענע מיינונג; זיי זאָלן נישט אָננעמען בלינד וואָס מען טראָגט זיי אונטער פאַרטיקס, דאָס רוב פאַלשע קאָנצעפּציעס; האָט זיך אָנגעשטרענגט צו מאַכן, אַז יעדערנס אייגענער מוח גופא זאָל באַוועגט ווערן אַליין אויסצוגעפינען דעם אמת, און דערנאָך, איבערצײַגטע אין אים, דעם אמת אָנווענדן צו האַנדלען אומאָפּהענגיק און וואָס מער טוגנטהאַפטיק, עטיש, געניייגט צו מעשים טובים.

פאַר מעגן פרײַ האָבן אַ זעלבשטענדיקע מיינונג און אַליין דערגרונטיקטן אמת — דערפאַר האָט סאָקראַטעס איי־גנוויליק און הויכמוטיק אָנגענומען דעם פּסק פון טויטשטראָף און אויסגעטרונקען „רויִק און שטאָלץ" דעם סם. האָט די פירנדיקע טייל פון דער וועלט עפּעס אַראָפּגענומען אַ מוסר־השכל פון דעם דאָזיקן מאַקסימאַלן קרבן? מיט דער קאָלאָ־סאַלער ווירקונג זײַנער עד־היום אויף דער עטיש בעסערער טייל מענטשהײַט, און מיט זײַן טאַט, וואָס ער האָט געוואָלט

זי זאָל דינען פֿאַר אַ בײַשפּיל אויף לְהבא, פֿאַרקריצט אין זכרון — האָבן אָבער די מאַכטהאָבער דערפֿון, ווי מען זעט עס באַשײַמפּערלעך, ממש גאָרנישט געלערנט. זינט אים, וואָס איז — לויט **פּלאַטאָנען**, זײַן געניאַלן תּלמיד (אין „פֿעדאָן, אָדער וועגן דער אומשטערבלעכקייט פֿון דער נשמה", ווי ס'ווערט דערציילט בשײַכות סאָקראַטעס' לעצטן טאָג לעבן און זײַן טויט) — „געווען צווישן אַלע מענטשן, וואָס מיר האָבן געקענט אין אונדזער צײַט, דער בעסטער, דער קלוגס־טער און דער גערעכטסטער" און — לויט **דיאָגענעס לאַער־טיוס** — דער ערשטער פֿילאָסאָף וואָס ווערט פֿאַרמישפּט צום טויט; — זינט אים איז די צאָל אויפֿגעאָפּפֿערטע אומצייליק גרויס. און בײַ די נישט געבעטענע, אַליין זיך געקרוינטע מנהיגים, איז ביז הײַנט צו טאָג ממש אַ הייליק געבאָט דאָס זוכן עוקר־מן־השורש צו זײַן אַנדערש טראַכטנדיקע.

די סאָציאַלע באַוועגונגען האָבן, זינט דעם אוראַלט ביז צו אונדזערע טעג, געהאַט נישט וויניק אַזעלכע ריטער, וואָס וואַלטן — און האָבן — פאַר זייער דורכזעצונג — דעם אי־דעאַל — עקסטרעם התלהבותדיק זיך מקריב געווען. און די ווירקונג זייערע איז געווען אַן אין־לשערדיקע. יעדע צײַט מיט אירע צרות און נסיונות, אירע נויטן און באַזונדערקײַטן, אירע באַדערפעענישן און פאָדערונגען און אירע אייגנאַרטיקע מיטלען און אופנים צו פּרוּוון קריגן אַ לייזונג פאַר זיי.

לאָמיר דערמאָנען דאָ פראַנקרײַכס גרעסטן רעוואָלוציאָנערן דיכטער, וואָס האָט בשעתו פאַרכאַפּט די הערצער פון גאַנצן פאָלק: זשאַן פּיער דע **בעראַנזשע** (1780—1857). ער איז געווען אַ זון פון פאַריזש און אַ קינד פון פאָלק, פון איר אָרעמשאַפט, און דאָס פאָלק איז געוואָרן זײַן אינספּיראַציע, זײַן מוזע. Le peuple, c'est ma muse — זאָגט ער גופא. ער האָט געזונגען וועגן פאָלקס נויטן, באַגערן און באַדערפעניש. „וווּהין איך קוק — קייטן, אין ערגעץ נישט קיין גליק״. און ער האָט געשטעלט צו דינסט דעם פאָלק זײַן לעבעדיק חנעוודיק ליד, דעם שפּילעוודיקן און בײַסיק אַרײַנזאָגעוודיקן קופּלעט, דאָס פרייליכע, פילבאַדײַטעוודיק געזאַנג, זײַן באַצערט האַרץ און זאָרגפולן געדאַנק. זײַן „שאַנסאָן״ איז געוואָרן אַן אינסטרומענט פאַר קאַמף, אַ כלי־זיין אין שטרײַט פאַר דעם פאָלקס פרײַהייט און פאַר זײַן רעכט. ס׳איז נישט געווען קיין געוויינלעך מיטגעפיל מיטן לײַדנדיקן. ס׳איז געווען ליבע. און די ליבע איז געווען אַ קעגנזײַטיקע. ער — וואָס דאָס מיינט זײַן ליד — איז אַרײַן אין פאָלקס האַרץ, און גאַנץ פאַריזש און גאַנץ פראַנקרײַך האָט געזונגען זײַנע שאַנסאָנס. ער איז געווען אַ פאָלקסדיכטער און זײַן ליד איז

געוואָרן דעם פאָלקס אייגנטום. עס האָט גערעגט און באַ־וועגט.

בעראַנזשע האָט אָן מורא, מיט העזהדיקער געוואַגט־קייט און אָנרחמנותדיק געשליַידערט זיַין בייַסיק סאַטיריש וואָרט קעגן אַלטן רעזשים און זיַינע פירונגען. ער האָט גע־קעמפט צאָרנדיק, מיט פאַראַכטונג און האַס, קעגן דער רעס־טאַוראַציע, געשונדן שטיקער הויט פון איר לייַב און באַזונ־גען די פריַיהייט. און ס'איז געווען פאַר וואָס און אויף וואָס צו רעאַגירן מיט סמיקער ביטערניש. ער, וואָס האָט אין זיַין קינדהיַיט געזען דאָס באַפאַלן און דאָס צעשטערן די באַס־טיליע (14טן יולי 1789) און מיט איר דאָס פאַלן פון אַ רע־זשים, וואָס האָט נישט קיין שום בארעכטיקונג פאַר קיום, און דאָס בילד איז אים געבליבן פאַר די אויגן און זיך פאַר־קריצט אין זכרון אויף תמיד; ער, וואָס אין אים האָט געלעבט אַ נאַטירלעכע ווידערווויליקע נייגונג צו אָבערגלויבנס, ליגנע־ריש אויסגעטראַכטע, פאַרלאָקערישע גאָט־מיסטעריעס און האָט צוגעזען ווי ס'ווערט אָפּגעטיילט די אָפיציעלע רעליגיע פון כלל־לעבן — ער האָט געדאַרפט צוקוקן ווי ס'נעסטיקן זיך איַין איבער אַ ניַיס די מאָנאַרכיע און דער שווארצער קלער און ווי זיי נעמען די אייבערהאַנט מיט דער גאַנצער שאָדנברענ־גיקער נעגאַטיווקייט וואָס זיי טראָגן מיט זיך. געדאַרפט מיט וויטאָג צוזען, ווי די אויסגעקעמפטע גליַיכהייט און ברידער־לעכקייט פאַרשווינדן; ווי די פריַיהייט — פערזענלעכע, רע־ליגיעזע, געזעלשאַפטלעכע — ווערט פאַרלוירן. צוגעזען אַ וואַקסנדיקע שאַרפע צעטיילטקייט צווישן אונטעריאָכער און אונטעריאָכטע. די ערשטע — גדלותדיקע, זעלבסטזיכערע, פאַרמעג־באַזיצערישע; די אַנדערע — גאַרנישט פאַרמאָגיקע, חוץ אַרבעטסקראַפט, וואָס ווערט עקספּלואַטירט און אויס־גענוצט נישט פאַר זייער אייגענער טובה וועגן, נאָר זיך צו רעה, בכדי צו זעטיקן די זיך נישט־אָנזעטיקנדיקע באַגערן און אַפּעטיטן פון וואַקסנדיקן חוצפּהדיקן אונטערדריקער. און מיט דער עקספּלואַטאַציע וואַקסט מיט אין אונטערדריקטן

אָפּהענטיקייט, הכנעה, שיפלות. בעראַנזשע האָט דערפאַר רעאַגירט ביטער, בייז, צאָרנדיק אין יסורימדיקע אָבער אויך זינגעוודיקע לידער. אמת, ער האָט געצאָלט פאַר זײַנע סאַטירישע שאַנסאָנס: געשמאַכט חדשים לאַנג אין תפיסה, פאַר־שיקונג. אָבער עס האָט אים נישט אָפּגעשראָקן. זײַן שכר האָט ער באַקומען אויף אַן אַנדער אופן: די ליבע און פאַרערונג פון פאָלק.

מען קען נישט זאָגן, אַז דאָס ליד בעראַנזשעס איז געווען פערפעקט לויט די אָנגענומענע כללים אין דיכטונג, צי לויט די קלאַסישע פאָרמעס אָדער די באַנײַונגען פון די ראָמאַנטי־קער. מען קען אָבער יאָ זאָגן, אַז עס האָט געגרייכט צום פיר־גענומענעם ציל, אין סאַמע פינטל אַרײַן. עס האָט מיט איראָ־ניע, גיפטיק בייז, געריסן שטיקער ווי עס האָט באַדאַרפט אָדער ווי עס איז געווען נייטיק, און עס האָט געצערטלט טרײַ און ליבשאַפטלעך אויך דאָרט ווי עס האָט באַדאַרפט און ווי עס איז געווען נייטיק.

בעראַנזשעס רום און רעפּוטאַציע וואַקסן פון טאָג צו טאָג און די ליבע צו אים — אַוודאי און אַוודאי. אָבער ער איז נישט פאַרבלענדט געוואָרן און דער קאָפּ האָט זיך אים נישט פאַרדרייט. געבליבן פשטותדיק און ליב געהאַט אָנגרענעצדיק די אומאָפּהענגיקייט. דערפאַר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון כיבודים און אויסצייכענונגען. און אַפילו נישט אָנגענומען אַ שטול אין דער אַקאַדעמיע און אויך נישט אַ פלאַץ אין דער קאָנסטיטויִרונגס־פאַרזאַמלונג אין יאָר 1848. דאָ איז אים זיכער געקומען אַן אָרט. ווער איז נאָך אַזוי מעורר געווען צו דער מרידה, ווי ער? וואָס מער נאָך, ווי זײַן ליד, האָט משפּיע גע־ווען די מאַסע און אַרײַנגעבלאָזן באַגײַסטערונג און האָפער־דיקייט דורכצופירן די איבערקערעניש? נאָר פאַר אים איז גענוג געווען די ליבע פון פאָלק, דעם אַרבעטערס, דעם פּוי־ערס, דעם סאָלדאַטס, דעם באָהעמס, דער געוויינלעכער פרוים און בפרט פון דער יוגנט. ער איז געווען דער גאָט פון דער יוגנט, — וואָס נאָך האָט אים געפעלט? זי, די יוגנט, די תמיד

צוזאַגנדיקע צוקונפֿט פֿון אַ פֿאָלק — האָט געווענדט דאָס האַרץ און בליק צו אים. וואָלט זי נאָר געווען באַוווּסטזיניק אויף אירע פּאָטענצן און מעגלעכקייטן און זיך געאייניקט פֿאַרשטענדיק אויף אַ וווילזייַן-מיינענדיקן ציל... ווי פֿיל זי וואָלט עס בכוח געווען אויפֿצוטאָן!

עדעלשטאַט האָט אים געוויס געקענט, בעראַנזשען, וואָס איז געווען אַ שם-דבר אין זייַן צייַט. געוווּסט ווי פֿיל ער האָט בייַגעטראָגן צום ממשותדיקן אומבייַטערישן אויפֿגערודער, פּונקט ווי עס זענען אים גוט געווען באַקאַנט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען און קאַמפֿן אין פֿראַנקרייַך. ער האָט אים געקענט דורך וואַסילי קוראָטשקינס רוסישער איבערדיכטונג, וואָס איז טאַקע אפֿשר אַ ביסל אַ פֿרייַע, אָבער שטייט נישט אָפּ מיט גאָרנישט פֿונעם אָריגינאַל אין גוטסקייט. ער האָט זיך, מסתּמא, מתקנא געווען, עדעלשטאַט, אויף דער ווירקנדיקער זינגעוודיקייט און געחלומט, אַז אויך זייַן ליד זאָל אַזוי אַרייַנדרינגען און משפּיע זייַן דאָס פֿאָלק. און אויף דעם וועג איז ער געגאַנגען. אַ סימן: ער האָט זיך געגרייט צו שטיין אַפֿילו נאָכן טויט אויף זייַן וואַך-פּאָסטן —

צום פֿאָלק וועל איך פֿון קבר זינגען
און וועל באַגייַסטערן זייַן האַרץ.
(„מייַן צוואה")

פֿאַרשטייט זיך, אַז צו קנאַפּע זעקס און צוואַנציק און אַ האַלב יאָר — מיט אַלע לעבנס-אימפּולסן און באַגערן צו שווינגען און גרייכן — קען מען נישט, מחמת ס'איז טעכניש אוממיגלעך, אָפּטאָן אַזוי פֿיל, ווי מען באַווייַזט ביז זיבן און זיבעציק יאָר, וואָס דאָס איז די עלטער, ווען בעראַנזשע איז — זאָט אין יאָרן — פֿאַרגאַנגען און געשטאָרבן און איז אייַנגעזאַמלט געוואָרן צו זייַן פֿאָלק. אָבער עדעלשטאַט האָט שוין ביז דעמאָלט פֿון לאַנג געהאַט ליב געקראָגן זייַן פֿאַרגייערס היימלאַנד, די געבורטסשטאָט זייַנע און די מענטשן, וואָס האָבן זיך דערוועגט הערויִש, אין לית-ברירהדיקן צאָרן, וועלן אייַנפֿירן ממשותדיק אין טאָג-טעגלעכן לעבן דעם תּוך

פון יענע דרײַ אויסגעשריִענע ווערטער — Liberté, Egalité, Fraternité —, וואָס זענען כולל אין זיך עיקר און תמצית פון מענטשנס אַלע גערעכטע פאָדערונגען זינט די אוראַלטע ביז די הײַנטיקע און אויך שפּעטערדיקע צײַטן; ד"ה: כל־זמן זייער מיין וועט זישט ווערן ווירקלעכקייט און וואָס זייער פעלן איז די אייביקע סיבה פאַר כסדרדיקע אומצופרידנקייטן, האָס, אָפענע און באַהאַלטענע יווירונגען, דראַנג צו נקמה, רײַבונגען, אויפברויזן, און אָפטלעך נישט באַזאַכטע און נישט באַדאַכטע האַנדלונגען און מעשים.

איך ליב דיך, פראַנקרײַך! איך ליב דיך, פּאַריז!
איך ליב דיך, באַגײַסטערטער, קעמפנדער ריז
מיט דײַן רויטן פּאַנצער און שאַרפן שפּיז,
איך ליב דיך, פאָלקס־באַפרײַער!

(„1789”, זז' 194-195).

ער האָט שוין לאַנג צוריק געמאַכט פאַר זײַנער די קורצע דרײַווערטערדיקע לאָזונג, וואָס איז די סומע פון אַלע מענטשנס באַדערפענישן, בענקשאַפטן און אַספּיראַציעס. פאַר איר פאַרווירקלעכונג איז אָפּגעגעבן זײַן גאַנצע מי — אינטעלעקטועלע, גײַסטיקע און פיזישע. מיט אַכפּערדיקן ערכבוד דערמאָנט עדעלשטאַט די געלעגנהייט, וואָס האָט זי אַרויסגערוקט. זי איז געבוירן געוואָרן אין אַ געדאַכטער אויסזיכט פאַר אַ מעגלעכקייט צו רעאַליזירט ווערן. דער פרווו איז געווען געמאַכט. אויב אָן לאַנג לעבן אין לעבן גופא, איז אָבער אין פועל־יוצא געווען דערין אַן ענדגילטיקער אָנזאָג אויף להבא. און די בשורה איז אַ גוטסטראַגנדיקע:

עס האָט שוין געשלאָגן די שטונדע פון ראַכע,
ווען שוואַך זענען שטאַרקע און שטאַרק זענען שוואַכע
אין זייער גערעכטיקן צאָרן 11).

(„דער פאַל פון דער באַסטיליע”, זז' 99-101).

11) אין דער אויסגאַבע, פון וועלכער מיר ציטירן, איז געדרוקט „גערעכטן” אַנשטאַט „גערעכטיקן”, ווי ס'איז אין די אַנדערע טעקסטן, וועלכע מיר האָבן בײַ דער האַנט און וואָס זענען געשטיצט אויף פריִערדיקע דרוקן.

אין רעזולטאַט: כוח־פאַרמעסט און כוח־אויספּרווו, וואָס האָבן צעטראָגן צווישן די אונטערריאָכטע פעלקער און מענטשן אָפּטימיזם, גלויבן און אויסזיכט אויף סוף־כל־סופיקע געווינסן. און זיי לאָזן שוין זינט דעמאָלט נישט רוען, כאָטש די באַלדיקע דערגרייכן זענען געווען גאַנץ קנאַפּע, אָדער ריכטיקער: קורץ־נשימהדיקע. זאָל נאָר אָבער דער מענטש זײַן וואַך און וויסן זײַן פליכט.

און די הייליקסטע פליכט פון מענטשלעכע פליכטן —
אָ, פאָלק! — איז צו ברעכן, פאַרברענען, פאַרניכטן
די שוואַרצע באַסטיליע פון דער ערד!
דערוועק דאָך דײַן גײַסט, דײַן קראַפט, דײַן צאָרן —
דער מענטש איז פאַר ליבע, פאַר פרײַהייט געבאָרן —

(ז' 101).

אָט! אין אָט אָ דער אָ לעצטער שורה: „דער מענטש איז פאַר ליבע, פאַר פרײַהייט געבאָרן", — וואָס איז כולל אַן ענדציליקע דערקענטעניש, — איז דאָ גענוג סיבה פאַר באַרעכטיקטן קאַמף אויף אַ גאַנץ לעבן (און אויף מער אויך) — אַבי עס צו דערגרייכן.

לוינט דערפאַר צו זינגען און באַגײַסטערן דאָס פאָלק. אַפילו — פון קבר אַרויס.

וועלכע מיר האַלטן פאַר די פּרינצעפּס. מיר ברענגען דאָ דאָס וואָרט אַזוי, ווײַל מיר האַלטן עס פאַר ריכטיקער אויך הן ריטמיש, הן פאָלקסטימלעך. — זען די שוין דערמאָנטע אויסגאַבע פון „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני", ז' 120.

און אַט איז נאָך אַ דיכטער, וואָס האָט אַוודאי געשוועבט פאַר די אויגן עדעלשטאַטן: **פערדינאַנד פרײַליגראַט** (1810-1876). איינער פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פון אַ גרויסער פּלעיאַדע טאַלאַנטירטע פּאָעטן פון „יונג-דײַטשלאַנד”, וואָס האָבן מיט זייער דיכטעריש, מורדיש ברויזנדיק און אויפ-קלערנדיק וואָרט צעטראָגן אומרו, געזייט אומצופרידנקייט מיט דער הערשנדיקער אָרדענונג און לוסט צו רעוואָלט.

די ערשטע יאָרן האָט פרײַליגראַט זיך צופרידנגעשטעלט מיט באַשרײַבן אין מוזיקאַלישע שלל-פאַרביקע לירישע פערזן פאַנטאַסטישע אַוואַנטיורישע רײַזעס אויפן אָפענעם ים, מאָלן אויסטערלישע פּייזאַזשן פון אָריענט, טראָפּיקאַלע לענדער, אַמעריקאַנער בתולה-וועלדער, מדבריות, שילדערן זייער עק-זאָטישע פאַונע און פלאָרע; געהאַט צו טאָן אין זיי מיט ווילדע חיות, באַנדיטן, פּיראַטן. זיין שאַפונג האָט גאָר פרי גערופן די אויפמערקזאַמקייט בײַם לייענער-עולם און אין די מלוכה-קרײַזן. ער האָט געהאַט אַ באמת נישט געוויינלעכן טאַלאַנט, און בײַ זײַן דרײַסיק יאָריקן עלטער האָט אים אַפילו דער קייסער — פרידריך ווילהעלם דער פערטער — באַשטימט אַ פּענסיע. פרײַליגראַט האָט זיך אָבער גאָר פרי באַזינט און אָפּגעוואָרפן די מלוכישע אָנערקענונג און איר אויסצייכע-נונג, כאָטש זי וואָלט אים געווים גוט צו נוץ געקומען, מחמת מאַטעריעל איז ער געווען שטאַרק באַדערפטיק.

און קוים האָט ער געהאַט קוראַזש אָפּצוקערן זיך פון דער דעספּאָטיע און פון צו דינען אירע אינטערעסן, האָט ער זיך שוין אויך אַוועקגעוואָנט פון זײַנע ביזאַהעריקע עקזאָטישע און אויסטערלישע טעמעס. ער האָט זיך אַרומ-געזען, אַז סאָציאַלע רעפאָרמעס זענען נייטיק. עס פעלט פאַ-

ליטישע פרײַהייט; דאָס פאָלק גענישט נישט פון זײַנע עלעמענטאַרסטע רעכטן; נישטאָ קיין פרײַהייט פאַר געדרוקטן און גערעדטן וואָרט; עס איז דאָ אַ שטאַרקער דוחק אין פרײַהייט פאַר געוויסן און רעליגיע; דער רוב מנין ורוב בנין פונעם פאָלק ווערט געהאַלטן אין אומוויסן און איז חרפּהדיק אונטערגעדריקט און מען לאָזט עס נישט צו צו נעמען אָנטייל אין עפנטלעכן לעבן; די באַדערפעניש דאָס פאָלק זאָל באַקומען בילדונג איז אַן אימפּעראַטיוו דרינגענדיקע; ס׳איז נויטווענדיק מען זאָל יעדן איינעם זיך לאָזן אומגעשטערט בילדן און יעדער איינער זאָל קענען באַנוצן פרײַ זײַנע רעכטן ווי אַ גלײַכבאַרעכטיקט פרײַער און גלײַכער בירגער. אָט וואָס עס וואָלט געווען פאַר אים די בעסטע אויסצייכענונג, ווען דער קייסער טראָגט עס אונטער דעם פאָלק. נאָר דאָס ווילן נישט און עס לוינט נישט די מאַכטהאָבער און אָנהענגער פון אויטאָריטאַטיוון פּרינציפּ אין פּאָליטיק און רעליגיע. נו, איז נויטיק קעגן זיי צו פירן אַ האַרבן קאַמף און מלחמה. אָן אײַנזען און וואָס פריִער. און ער האָט געשטעלט, פרײַליגראַט, — ווי אַ סך דיכטער יעמאָלט — זײַן ברייטאָטעמדיקן פערז און מוזיקאַליש פײַערלעך וואָרט צו דיספּאָזיציע זײַן נײַער דערקענטעניש. פרײַליגראַט איז געוואָרן, אַזוי אַרום, איינער פון די נישט וויניק צוגרייטער צום הוראַגאַן-שטורעם, וואָס איז דורכגעלאָפן איבער אייראָפּע אין יאָר 1848 און אַ טרייסלגעטאָן ביז אין גרונד די יסודות פון דער דעספּאָטישער אָרדענונג. איינער, ווי דאָס איז געווען, אויף זײַן אייגענעם שטייגער, זײַן עלטערער פראַנצויזישער מיטצײַטלער בעראַנזשע. איינער פון די נישט וויניק, אָבער איינער פון די שטאַרקסטימיקסטע, געוואַגטסטע, קערנדיקסטע, מוטיקסטע און אויסגעהאַלטן קאָנסעקווענטסטע.

די עטלעכע יאָר זינט זײַן באַזינען זיך ביז צו דער רעוואָלוציע, איז פרײַליגראַטס ליד געווען פאַרנומען מיט אָנווײַזן און באַקעמפן די איבלען פון דער אַלזײַטיקער טיראַניע און מיטן רוף צו אויפשטאַנד און מרידה. און ווען די מהומות

זענען צו שטאַנד געקומען, האָט ער אין זיי גענומען אָנטייל, זײַט בײַ זײַט מיט אַלע מורדים, בײַם אויפשטעלן באַריקאַדעס און קעמפן אויף זיי. און נאָך די דורכפאַלן פון דער רעוואָ־לוציע איז ער נישט אַראָפּגעפאַלן בײַ זיך און אַלץ איינס גע־בליבן געטרײַ אירע לאָזונגען און פּרינציפּן. פאַרקערט: די סיבות און באַוועגער, וואָס מאַכן אויפריר און אויפרודער פאַר אַ נויטווענדיקייט — האָבן זיך דאָך איצט געמערט...

און פּונקט ווי אין אָנהייב פון זײַן דיכטערישער קאַריע־רע, האָט מען אים אויך איצט נישט פאַרזען. אויך איצט האָט מען אים געוואָלט אויסצייכענען פאַר זײַן וויכטיקער אַרבעט. בפרט איצט האָבן זיך נאָך פאַרפילפאַכט די מאָטיוון: נו, זײַן אויפטו איז דאָך נישט אַדורך אָן ווירקונג אויף דעם פאָלקס באַוווּסטזײַן. האָט מען אים פאַרפאָלגט: האָט געהאַט משפטים אויף זיך, איז געזעסן אין תפיסה, געוואָרן פאַרטריבן פון זײַן געבורטסלאַנד, געלעבט אין גלות און געוואָרן אַרויסגעשיקט אויך פון די אַדאָפּטירטע היימען און ווידער געדאַרפט זוכן אַ מקום־מקלט. אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זײַנע איבערצײַגונגען. ווער פון זײַנע מיטצײַטלער עס האָט זיך אונטערגעגעבן דינעריש דער הערשנדיקער קליקע; ווער עס האָט געזען אין דורכפאַל גאָטס האַנט און אַ שטראָף פון דער השגחה־עליונה; ווער ס'איז געוואָרן אַנטוישט און זיך געלאָזט מיטשלעפּן מיטן שטראָם אָן שום ווידערשטאַנד; ווער עס האָט געזוכט פאַרגעסונג אין שיכרות, אָדער גלאַט אין מיסטישע אויסטײַטשן און אין קאַבאַליסטישע אויסרעכענונגען געפונען אַ לייזונג. פרײַליגראַט איז געבליבן אויף זײַן וואַכפּאָסטן, ווי אַ געטרײַער דינער פון דער רעוואָלוציע. דערפאַר האָט ער געקענט מיט אַזוי פיל אויטאָריטעט — און מיט כל הרעכטן — אַזוי מעכטיק מתרה זײַן, אין 1851, דער זיגערין, וואָס האָט זיך געפעדערט גדלותדיק צו באַווײַזן ערשט דער וועלט איר מאַכט און כוח. די עלעגיש־אָדיש־עפּישע פּאָעמע „די רעוואָלוציאָן" איז אַ וואָרענונג דער צײַטווײַליקער געווינע־רין פון דער סיטואַציע נישט צו זײַן זיכער בײַ זיך מיט איר־

נצחון. נישט געקוקט אויף אַלע מיתות משונות, וואָס די רעאַקציע האָט אָנגעטאָן דער רעוואָלוציע, כדי זי אָפּצווווישן פון דער ערד — לעבט זי און זי וועט מנצח זײַן אין דער ריכטיקער שעה.

אָט זענען צוויי סטראָפעס דערפון. דער טעקסט פון דער ערשטער לייענט זיך אַזוי:

Und ob ihr sie, ein edel Wild, mit euren Henkers-
knechten fingt;
Und ob ihr unterm Festungswall standrechten die
Gefangne gingt;
Und ob sie längst der Hügel deckt, auf dessen
Grün ums Morgenrot
Die junge Bäurin Kränze legt — *doch* sag' ich euch:
Sie ist *nicht* tot!

און דאָס איז די לעצטע, צענטע, סטראָפע:

Drum werd' ich sein, und wiederum voraus den
Völkern werd' ich gehn!
Auf eurem Nacken, eurem Haupt, auf euren Kronen
werd' ich stehn!
's ist der Geschichte ehrnes Muss! Es ist kein
Rühmen, ist kein Drohn —
Der Tag wird heiss — wie wehst du kühl, o
Weidenlaub von Babylon!

די העפטיק סקאַנדירטע סטראָפעס פון דעם דאָזיקן הימן צו דער רעוואָלוציע, דער איבערצײַגנדיקער גלויבן אין איר, וואָס עס פילט אויס די ברייט- און טיף-אָטעמדיקע, לאַנגע, זעכצן-טראָפּיקע פערזן, האָבן בשעתם מרעיש-עולם געווען איןביידע אַנטיפּאָדישע לאַגערן. אין יענער מעלאַנכאָלישער צײַט, — מיט רעזיגנאַציע אָנגעזאָפּטער פאַר דעם רוב, קעגן דער מיט-זיך-צופרידנקייט און זעלבסטזיכערקייט פון אַ מיעוט — האָט עס ממש אַ ווי געטאָן מיט בטחונדיקן, חיות-טראָגנדיקן אָנהויך.

די דיכטונג פון „יונג-דײַטשלאַנד", וואָס דער שניט אי-

רער האָט געקליידט עדעלשטאַטן צום בעסטן, — איז אין איבער פֿערציק יאָר אַרום נאָך די קולמינירנדיקע געשעענישן געווען אַקטועל צאַפּלדיק פֿאַר דעם נײַעם באַרד. און אַוודאי האָט געמאַכט אַ נשתוממדיקן רושם פֿרײַליגראַטס דערמאָנטע פּאָעמע. ס'האָט אַרײַנגעפּאַסט אין זײַן שטימונג און אין זײַן אינטערעסן־וועלט. און עדעלשטאַט האָט טאַקע אָנגעשריבן אין דעם זעלביקן זין אַ ליד מיטן זעלביקן נאָמען. אָבער מען דאַרף נישט פֿאַרגלײַכן ביידע לידער; נישט צופֿיל צונויפֿטרעף־פּונקטן זענען פֿאַראַן אין זיי. אויב מען זאָל נעמען אין אַכט דעם באַווירק, איז עס אַ ביז גאָר געלונגענע בזעיר־אַנפּינדיקע נאָכמאַכונג. אין איר איז פֿאַרבליבן בלויז דער תּוך, דער מיין, וואָס דאָס איז דער עיקר טאַקע. דאָס גאַנצע ליד, אָבער, איז אין דער אמתן — טעכניש — אַ פּונק־אָפּשפּריץ, צי אַן אײַנשרומפּונג, אָדער פֿאַרצימצומט דעם אָריגינאַל. נישט די פֿאָרעם, נישט דער מעטער, נישט די אימאַזשן, נישט דער פּאַטאָס, די גראַנדעלאָקווענץ, נישט דער פֿײַערלעך געהייבענער טאָן, נישט די ברייטאָטעמדיקייט. עס איז אָבער יאָ אַ פֿרײַ און זעלבשטענדיק געשאַפֿן ליד, אין אַ מענלעכן טאָן, ענערגיש.

אָט עטלעכע פֿערזן פֿאַר אַ מוסטער:

זי איז ניט טויט! איר קענט זי ניט דערשלאָגן!
זי לאַכט פֿון אײַער צאָרן, ברומען און ברילן,
איר מעגט זי הונדערט מאָל צום קבֿר טראָגן:
אומשטערבלעך לעבט די רעוואָלוציאָן!

איר גלויבט, איר האָט זי געקייט און געבונדן,
אויפֿן גאַלגאַן דערוואָרגן, מיטן שווערד דערשטאָכן —
און דאָך, טראָץ אַלע אירע שווערע וווּנדן:
אומשטערבלעך לעבט די רעוואָלוציאָן! (ז' 196)

דאָס זענען די ערשטע אַכט שורות — אַ גאַנץ דריטל פֿונעם טעקסט, וואָס בילדט דאָס ליד. און די לעצטע סטראָפֿע, די זעקסטע, איז גאָר אַ ווענדונג־רוף צום פֿאָלק — עס

זאָל אויפוואַכן און „פאַרלאָזן זײַן געצעלט״, ווײַל „עס קומט די צײַט״; אָן אויפפאָדער און פאַרזאָג דעם פּראָלעטאַריאַט צו זײַן „צום בלוטיקן געגרייט״, ווײַל בלויז ער, דורך זיך, איז בכוח משנה צו זײַן דעם סדר־העולם: „באַפרײַ זיך — און פרײַ איז די וועלט!״ (ז׳ 197). דער פערז „אומשטערבלעך לעבט די רעוואָלוציאָן״, וואָס חזרט זיך איבער ווי די פערטע שורה אין פינף פון די זעקס סטראָפעס אין עדעלשטאַטס שיר, איז אין פרײַליגראַטס פּאָעמע אין גאַנצן נישטאָ. נישט דער און נישט קיין אַנדער שלאָגוואָרט־אויסדרוק ווערט דאָרט נישט איבערגעחזרט. דאָס יאָ — צען פון די צוועלף פערזן אין די ערשטע דרײַ סטראָפעס הייבט פרײַליגראַט אָן מיט די ווער־טער „און אויב״. אָבער בײַ עדעלשטאַטן איז דערפון אַפילו נישטאָ קיין סימן. עדעלשטאַט פאַנגט אָן דאָס ליד מיט די ווערטער, מיט וועלכע פרײַליגראַט ענדיקט די ערשטע סטראָפע: Sie ist *nicht* tot!.

נאָר צו וואָס בכלל אַ פאַרגלײַך? קודם־כל איז עס אַן ענין פון סטיל. יעדער איינער האָט זיך זײַן אייגענעם אופן פון אויסדריקן זיך, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים גופא. דאָס איז זײַן אייגנאַרט. דאָס אונטערשיידיקע און אויסטיי־לעוודיקע. עדעלשטאַט האָט אויפגעכאַפּט בלויז די אידעע, דעם געדאַנק, אָבער נישט נאָכגעמאַכט די פאָרעם. ער האָט געזונגען אויף זײַן אייגענעם שטייגער. איז צו וואָס אַ פאַר־גלײַך? וויכטיק בלויז פאַר אונדז איז צו קענען די פאַרגייערס.

„זאָג מיר ווער דײַנע חברים זענען, וועל איך דיר זאָגן ווער דו ביסט״.

נאָר וויפל איז עס ווערט וואָס אין זיינע, עדעלשטאַטס, טעג גופא, לעבט און ווירקט טאַקע אין דעם זעלביקן פראַנק־רייך, וואָס פאַר אים איז עס דאָס „שיינע, פלאַמענדע האַרץ פון אַלע רעוואָלוציאָנען" (ז' 101), ווייל מיט הונדערט יאָר פריִער האָט זיך דאָרט „צעקלונגען און צעדונערט" דער „פרייהייטס שטורעם־גלאָק" (ז' 195) און „דאָס פאָלק האָט דערקענט זיין געוואַלטיקע מאַכט" (ז' 100); און וואָס יע־מאָלט טאַקע האָט דאָרט אַ „געניאַלער באַגייסטערטער דיכ־טער", רוזשע דע ליל (1760—1836), „געגעבן דער מענטש־הייט אַן אומשטערבלעך מייסטערווערק" — דאָס גרעסטע רעוואָלוציאָנערע געזאַנג, „די מאַרסעליעזע" — „וואָס וועט אימער לעבן אין האַרץ פון פאָלק און פירן אים צו די נאָבלס־טע העלדנטאַטן", און היות ווייל דער מחבר „האָט פאַרפאַסט דיזן וווּנדערבאַרן שטורעם־געזאַנג, דיזן געזאַנג פון פרייהייט און שטאָלצער אומאָפּהענגיקייט אין 1792סטן יאָר, אין דער צייט פון רעוואָלוציאָנערן שטורעם", דערפאַר „קלינגט אויך זיין מוזיק מיט אומבאַזיגבאַרן מוט, מיט הייליקער באַגייס־טערונג פאַר אַלץ, וואָס איז נאָבל און דערהויבן", און די ווירקונג אירע איז אַזוי שטאַרק, אַז ביים הערן עס זינגען „פילט איר ווי אין אייער האַרצן דערהייבט זיך אַ שטורעם", איר פילט „ווי אַן אומבאַזיגבאַרע שטאָלצע קראַפט רייסט אייך אַוועק פון אייערע אַלטעגלעכע רעכענונגען, פון אייערע וואָכעדיקע געדאַנקען און עס ציט אייך פאָרווערטס, פאַר־ווערטס אין פרייהייטס־קאַמף" (ז' 374) 12), — יאָ, וויפל איז עס די ווערט, וואָס דאָרט, אין פראַנקרייך, אין איין צייט

12) זעז „מוזיק" (געדיכט אין פּראָזע), ז' 373 - 377.

מיט אים, באַוועגט זיך מיט דעם אומרו פון אַ נערוו, ווי אַ לעבעדיקער אַטאָם־אַריינהויכער, אַזאַ פאַקל־פלאַמיקע פאַ־טעטישע געשטאַלט, ווי לואיזע מישעל (1830—1905) — די רויטע בתולה — דער ממש לעגענדאַרער סימבאָל פון אומ־דערשראָקנקייט, קעמפערישקייט, איינשטעלערישקייט, גוטס־קייט, צידקות, דער נישט־אויסשעפּלעכער קוואַל פון רעוואַ־לוציאָנערער העראָיק און פּאַטאָס, גייסט און ענערגיע.

זי האָט ערשט מיט צוואַנציק יאָר צוריק (1871), אַכציק יאָר נאָך דעם פאָלקס יענעם גיגאַנטישן פאַרמעסט אָראָפּצו־וואַרפן פון זיך דעם יאָך פון צוואַנג, אונטערדריקונג און דעס־פּאָטיזם און דערקלערן זיך באַלעבאָס איבער די אייגענע רעכטן און פליכטן, אונטערגענומען און אַריינגעבלאָזן לעבן אין אַ נייעם, נישט ווייניקער געוואַגטן, פרוּוו אָפּצושאַפן אַלע איב־לען און רישעותן און ברענגען „פרייהייט, גלייכהייט, ליכט" (ז' 117).

די דאָזיקע פרוי מיט ענציקלאָפּעדישער קולטור, מיט אויסגעפרוּווטע נייגונגען צו גרינטלעכע וויסנשאַפטלעכע פאָרש־אַרבעטן, אַ וויזיעפולע, פאַרטיפטע, צאַרטע דיכטערין, וואָס האָט אויך דערפאָלג ווי אַ נאָוועליסטין און דראַמאַטור־גין — די דאָזיקע פרוי טראָגט אין זיך דעם פייער פון אייביקער אומצופרידנקייט און יושר־גאַר, פון בונט און פרייהייט, מרידה און זעלבשטענדיקייט. תמיד אין באַוועגונג, רירעוודיק, אַק־טיוו און באַוועגערין אויך אַנדערע צו מאַכן באַוועגלעך, רי־רעוודיק און אַקטיוו. זי איז אַן עכטע טאָכטער און יורשטע פון זעלביקן רעוואָלוציאָנערן פראַנקרייך פון אַכציק יאָר צוריק, אַ קעמפערין אין זעלביקן שטאָלצן מורדישן פאַריז — נישט אָפּצושטיין פון דער טראַדיציע, ביז די אַרויסגעשטעלטע פאָ־דערונגען און די פירגענומענע צילן וועלן מקוים ווערן.

זעלטן ווען האָבן מענטשן אַזוי מיט דער גאַנצער נשמה מקריב געווען זייער פערזענלעך לעבן פאַרן כלל, ווי די דאָ־זיקע אויסנאַמיק מוסטערהאַפטע פרוי. „כדי די ערד זאָל ענדלעך זיין פריי — גיבן איר די בראַווע זייער בלוט", זאָגט

זי אין אַ ליד. אָבער אין זיך גופא דאַרף מען אין גאַנצן פאַרגעסן. דערפאַר דריקט זי זיך אויס אין אַן אַנדער אָרט (אין אירע „זכרונות״) אַזוי: „וואָס מאַכט עס אויס וואָס מיר וועלן זיין, אַז וויבאַלד אונדזער ווערק איז גרויס און באַדעקט אונדז מיט זיין ליכט. בעת מיר נעמען עפּעס אונטער צו טאָן, האַנדלט זיך עס נישט וועגן אונדז גופא; עס גייט אין דעם, וואָס עס וועט זיין מיט דער מענטשהייט, ווען מיר וועלן האָבן פאַרשוווּנדן״.

זי האָט זיך אָוועקגעשאָנקען דער קאָמונע, געשטאַנען אין איר ערשטער פירנדיקער ריי און אין איין שורה ווי אַ פּשוטער זעלנער מיט געווער אין האַנט אויף באַריקאַדעס און אין טראַנשעען. אַן אַ שיעור מאָל ריזיקירט מיטן לעבן. און נאָך דעם דורכפאַל — געזעסן אין תפיסה אין די שווידערהאַפטסטע און גרוויליקסטע באַדינגונגען. געווען גרייט, געלעכצט ממש, פאַרמישפּט צו ווערן צום טויט. און ס׳האָט, אין דער אמתן, געהאַלטן שוין גאָר נאָנט דערצו. די ריכטער האָבן זיך אין דער לעצטער רגע בלויז נישט דערוועגט אַרויסצוטראָגן קעגן איר דעם עקסטרעמסטן פּסק־דין, הגם זיי האָבן עס באַגערט פון גאַנצן האַרצן און זי אַליין האָט עס צודרינגיק געפאָדערט. אויך דורך איר האַלטונג געוואָלט עס גורם זיין: נישט זי האָט זיך פאַרטיידיקט, נאָר איז אַרויסגעטראָטן ווי אַ באַשולדיקערין. און פאַראורטיילט האָבן זיי זי אויף אייביקער פאַרשיקונג אין גיהנום פון ניי־קאַלעדאָניע, פון וואַנען ס׳האָט זיך זעלטן ווער ווען ס׳איז אומגעקערט צוריק, ווייל גאָר ווייניק האָבן דאָרט אויסגעהאַלטן. בלויז אַזאַ גיגאַנטיש מעכטיקן גייסט, ווי אירן, איז עס געווען מיגלעך איבערצוטראָגן. (און, אַגב, אירע וווּנדערלעכע דערציִערישע אויפטוען צווישן די דאָרטיקע ווילדע איינגעבוירענע שבטים, די קאַנאַקן?). און ווי נאָר זי איז צוריקגעקומען, נאָך דער אַמנעסטיע, פון יענעם גן־עדן־האַפטיק פּראַקטיקן אינדזל, וואָס מענטשן האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ כּף־הקלע, האָט זי זיך ווידער פול און גאַנץ — מיט דער שלימות וואָס איז נאָר איר

געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש אייגנשאַפטלעך — געווידמעט דעם איינציקן אידעאַל אירן: באַפרייונג פון דער אונטערויאָכ־טער, באַעוולטער, גאַרנישט־האָביקער מענטשהייט.

און דער דאַזיקער גוטער לויזען, וואָס האָט געלעבט בלויז פאַר דעם ליידנדיקן מיטמענטשן; וואָס פלעגט אָוועק־געבן אַ נויטבאַדערפטיקן דעם ביסן פון מויל און דעם בגד פון זיך; און איז גרינג מוחל געווען פאַר די רישעותן, וואָס מען פלעגט בייזוויליק באַגיין לגבי איר — זי האָט מען כסדר פאַרפאָלגט, באַנדיטיש ווילד באַפאַלן, אויסגעטראַכט בילבו־לים אויף איר, געטריבן וועגן איר רכילות, און זי האָט גע־דאַרפט לעבן אויב נישט אין תפיסה אָדער פאַרשיקונג, איז אין גלות אין אַ פרעמד לאַנד. און אויך דאָ, ווייט פון איר געבורטס־ערד, האָבן זי די היימישע פאַרפאָלגער נישט גע־לאָזט צו רו.

אָבער זי האָט אויך געהאַט ווער עס זאָל זי אויפריכטיק ליב האָבן און פאַרערן, און נישט ווייניק. דער פאָלקסמענטש, דער פראָלעטאַריער, דער פויער און יעדער איינער וואָס קומט מיט איר אין קאָנטאַקט. זי איז פאַר זיי אַפּאָסטאָל אָדער ווי אַ נייער נביא, אַן אָנזאָגער פון אַ גוטער בשורה. איר רע־וואָלוציאָנער און אויפקלערעריש וואָרט איז פאַר זיי ווי באַל־זאַם פאַר דער באַליידיקטער נשמה, פאַר דעם פאַרשמאַכטן האַרץ, פאַר דעם אויסגעפייניקטן גוף און די צעיאַטערטע ווונדן. עס רעדט צום באַוווסטזיין און צום געפיל און עס רירט זיי אויף און רייסט מיט. אָבער זי ווערט זיך קעגן צו פיל אַרויסגעוויזענער אויפמערקזאַמקייט און ליבשאַפט מצד אירע אָנהענגער. אַפילו ווען אַרבעטער ווילן זי באַגלייטן צו פאַרהיטן פון אַ צעיושעטער באַנדע, וואָס באַליידיקט זי און דראָט זי צו באַפאַלן מערדערלעך, שטעלט זי זיך קעגן זייער באַשיצונג: „מען דאַרף נישט לאָזן דעם פאָלקס שונא מיינען, אַז מיר האַלטן פאַר אַן אָפּגאָט עמעצן פון אונדז. באַגלייטן דאַרף מען בלויז די רעוואָלוציע. דערפאַר בעט איך אייך, איר זאָלט מיר לאָזן אָפּפאָרן אַליין".

ס'ווערט גרינג אויף דער נשמה און מען קריגט באמת צוטרוי צו אַ קומענדיק שענער לעבן און מען גלויבט אין אַ באחרית־הימימדיקן בעסערן מענטשן — ווען מען ווייסט, אַז אַזאַ וועזן לעבט אויף דער וועלט, אַטעמט מיט אונדז די זעל־ביקע פאַרפעסטע לופט און ווערט נישט ניכשל; שטייט שטאָלץ, אײַזן־פעסט און אומדערשראָקן — מעג זײַן איינינ־קער אַליין — קעגן אַזוי פיל וועלף, וואָס זענען גרייט אָנצו־פאַלן און פאַרצוקן דאָס געפאַנג, וואָס פאַלט אַרײַן אין זייערע לאַפּעס.

נישט ברעכן זיך און נישט ווערן צעבראָכן, נישט אַרויס־צושלאָגן זיך פון דער געמיטלעכער, רעזאָנירנדיקער רו און גלײַכגעוויכט, נאָר, אַדרבא, בלײַבן גאַנץ, אומבאַרירט, נאָך אַזוי פיל אוממענטשלעך איבערמענטשלעכע איבערלעבונגען און יסורים, ווי איר איז אויסגעקומען איבערצוטראָגן — דע־רויף דאַרף מען זיך האָבן געפורעמט און געהאַרטעוועט אין אויסנאַמיקע תנאים. און דאָס גיט אויך אַנדערע אַ געלעגנ־הייט אַראָפּצונעמען זיך אַ בײַשפּיל, וואָס איז ווערדיק מען זאָל אים נאָכטאָן.

אמת, זי האָט פון קליינערהייט אָן זיך געגרייט צו אַזאַ גורל. אין אירע שפּילן האָט זיך שוין געשניטן און געשטאַל־טיקט דער שפּעטערדיקער מאַרטירער. גיין שטאָלץ צום עשאַ־פאָט און אומקומען אויפן שײַטערהויפן, ווי די פּרירעוואָלוציאָנערע קעמפער פאַר באַנײַערישע און דערלייזערישע אידעען און אידעאַלן — דאָס איז שוין קינדווײַז געווען איר חלום. איר דערציִונג — אַ פרײַע, ראַציאָנאַליסטישע, אויפן שוים פון דער נאַטור, אין אַ סביבה, וואָס האָט פון ליבע, אײַנפאַר־שטייעניש, גוטס און שיינקייט געמאַכט אַ קולט און דאָס פּראַקטיצירן אַלערליי צווײַגן קונסט (מאַלערײַ, פּאָעזיע, מו־זיק) איז געווען אַן עכטע, כמעט נאַטירלעכע שפּײַז פאַר דער טאָג־טעגלעכקייט — די דערציִונג האָט אין איר געפורעמט דעם גײַסט פון אַ זעלבשטענדיק, פרײַ און דרײַסט דענקען און רעזאָנירן, און צו ווערן אַן אומדערשראָקענער קעמפער פאַר

די אייגענע איבערצייגונגען אפילו ווי א געוויינלעכער סאל־דאט, און זי פארגעברייט צו די הארטסטע און הארבסטע באדינגונגען און נסיונות.

מיט וואלטערס, רוסאס און די ענציקלאפעדיסטנס קאנ־צעפציעס פאר זיך; מיט דעם לעבעדיקן הויך אויף זיך פון די אמאליקע שעפער, באנברעכער און אידעען־באנייער און דעם מוסטער פון זייער קארגן באלדיקן שכר אויף דער ערד; מיט דעם ליכטיקן ביישפיל פון אלע מינים גערעכטע אויפשטענד־לער, קעמפער און מארטירער פון אלע צייטן וואס די געשיכטע איז מיט זיי פול און ווייסט צו דערציילן וועגן זיי און וועגן זייערע אפקומעניש; מיט דעם בילד וואס דער זיידע מאלט פאר איר פון די גיגאנטישע אפאטעאזישע טעג פון 1793, אין וועלכע ער פערזענלעך האט גענומען אנטייל און צו וועלכע ער איז געבליבן געטריי ביז צום אויסלאז פון זיין לעבן, — מיט דעם אלעמען פאר זיך האט איר אייגענער אומגעוויינלעך אקטיווער אינטעלעקט, איר אייגענע מעכטיקע פארשטע־לונגס־קראפט, איר אייגענע פרוכטיק שעפערישע פאנטאזיע, איר אייגן מוטערלעך ליביק היים הארץ און איר אייגענע דינאמישע ענערגיע — נישט געקאנט אנדערש זי העלפן זיך אויסצייטיקן און אויסרייפן זיך. איז זי טאקע געווארן דאס וואס זי איז געווען. אדער ריכטיקער: דאס, וואס זי האט גע־דארפט זיין.

נאכן דורכפאל פון דער פאריזער קאמונע, אין תפיסה, ווו זי ווארט אויף א משפט און אויף א זיכערן טויטאורטייל, אנהייב סעפטעמבער 1871 (אגב, עס איז יעמאלט גראד פונקט א יאר זינט דער גרינדונג פון דער רעפובליק, וואס פון איר איז ארויסגעוואקסן די קאמונע, ווי א מעכטיק פארמאסטענער פרווו ארויסצורייסן דאס פאטערלאנד פון די הערשערס הענט און אזוי ארום עס צו ראטעווען אויך פון חרפהדיק עס איבער־ענטפערן פאררעטעריש דעם אויסלענדישן שונא, דייטשלאנד, אין האנט) — יעמאלט שרייבט זי א רויקע אין א ליד צו די באזיגטע העראישע קעמפערס:

Frères, dans la lutte géante
J'aimais votre courage ardent.

ברידער, אינעם גיגאַנטישן שטרײַט
האָב איך ליב געהאַט אײַער פלאַמיקן מוט.

און זי ענדיקט דאָס ליד אַזוי:

Le but c'est de sauver la foule,
La récompense c'est la mort.

דער ציל איז ראַטעווען דעם המון,
דער שכר דאָס איז דער טויט.

מיט דער ראָמאַנטיק, מיט דער ליריק, מיט דער ווייכהאַרציקייט, וואָס זענען געווען אינטעגראַלע טיילן פון איר גײַסטיקן וועזן, איז אָבער דער שכל, ד"ה: דער ראַציאָנאַלער באַוווסטזײַן, אויף אַ רגע נישט אָפּגעטראָטן. נישט די אייגענע געפּילפּולקייט, נישט די רישעותן לגבי איר האָבן פאַרטונקלט איר לויטערן, קלאָרן פאַרשטאַנד און פאַרווירט איר געלײַטערטן, דורכזיכטיקן געדאַנק. זיי זענען געווען און געבליבן אימון.

זענען עדעלשטאַטן געווען באַקאַנט אירע לידער? ווער ווייסט. אָבער עס איז, פאַרשטייט זיך, נישט קיין צופאַל בלויז וואָס ביידע שרײַבן אויף ענלעכע טעמעס (צווישן זיי אויך, וועגן דזשאָן בראַונען, דעם קעמפער און מאַרטירער פאַר דער באַפרײַונג פון די שוואַרצע קנעכט אין צפון־אַמעריקע). נאָר ווען עדעלשטאַט קען זיי יאָ, וואָלט ער זיכער דערשפּירט און אײַנגעזען זייער הויכן וויזיאָנערן שווונג און נישט מינער הויכע פּאָעטישע קינסטלערישקייט — דורך דער סאָציאַלער כוונה, דורך דער ברויזיק רעגנדיקער קאַמפסלוסט און דורך דער מענטשלעכער צילבאַוווסטקייט, און ער וואָלט אויך פאַרשטאַנען, אַז נישט אומזיסט איז אַפילו וויקטאָר היוגאָ (1885—1802) געווען איינער פון אירע פאַרערער.

נאָר טאָמער איז אים אַפילו נישט געווען באַקאַנט איר ליד, איז וויפל אָבער עס די ווערט צו האָבן אין איין צײַט

מיט זיך אַזאַ שלימותדיקע, איינציקאַרטיקע, מוסטערהאַפ־
טע פּערזענלעכקייט?

צעוואָרפן די גאָלדענע לאָקן,
מיט מעכטיקן שווערד אין דער האַנט,
האָט זי געקעמפט אומדערשראָקן
קעגן דער שקלאַפנשאַנד.
(„לויזע מישעל", ז' 116)

ווידמעט טאַקע עדעלשטאַט פערזן זי, לויזע מישעלן,
גופא (זז' 116-117) און אויך אירע אידעען, און אוודאי דעם
רעוואָלט, פון וועלכן זי איז געווען די נשמה. ווייל פאַר אים,
עדעלשטאַטן, איז די פּאַריזער קאָמונע אַ סימבאָל, וואָס איז
כולל אין זיך צילפּונקט און די מעטע צו דערגרייכן. אמת,
„נישט לאַנג האָבן די רויטע פאָנען געפלאַטערט אין פרייען
פּאַריז"; אמת, „דער פיינד איז מיט מאָרד-קאַנאָנען באַפאַלן
דעם טרוימענדן ריז" און אים געמאַכט אָפּגיין אין בלוט.
אָבער נישט דער מאָמענטאַנער זיגער דאַרף עס פאַררעכע־
נען פאַר אַ געווין לעולם ועד און נישט דער פאַרלירער דאַרף
באַטראַכטן דעם דורכפאַל ווי אַ מפּלה אויף אייביק. דער
פאַרלוסט און דער נצחון — ביידע זענען בלויז צייטווייליקע
און נישט באַשטענדיקע. מחמת „דער פרייהייטס-גייסט האָט
זיך מוטיק דערהויבן צום ליידנדן פאָלק" און ער וועט שוין
עקבערן. אומרעכט, פאַלשקייט קענען נישט בלייבן קיין זי־
גער אויף תמיד. און אויב זי, לויזע מישעל, וואָס איז אַליין
אויסגעשטאַנען אַזעלכע פינצטערע דורכפאַלן און אַבידות,
איז נישט אַנטוישט, נאָר „זי רופט" נאָך כסדר צו זיין גע־
טריי „דער הייליקער זאַך" „און ציט די אַלאַרם-גלאָקן און
וועקט אונדז צו טאָן אונדזער פליכט", טאָ ווי קענען די
פאַראינטערעסירטע גופא צווייפלען אין אַ גינציקן אויסלאָז?
אַריינצושפּריצן צוטרוי און בטחון — דערויף טאַקע איז זי
דאָך געבליבן לעבן!...

צוויי מאָל פאַרעפנטלעכט עדעלשטאַט לידער בשײַכות דער פּאַריזער קאָמונע, און איןביידע פאַלן טוט ער עס אין מערץ, צו דערמאָנען דעם חודש פון וויכטיקע אַלטערנאַטיוועס ביז צו יענעם דעציסיוו-דרײַסטן רעוואָלט: איין מאָל אין יאָר 1889 („מערץ-בילדער", זז׳ 101-102) און דאָס צווייטע מאָל („לוּיִזע מישעל", זז׳ 116-117) — אין יאָר 1891. — דרך אַגב: אין די זעלביקע יאָרן דרוקט ער אויך שירים אין פאַרבינדונג מיט די יולי-געשעענישן אין יאָר 1789, וואָס איז דער אָנהייב פאַר דער אַנטשיידנדיקער דאַטע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. ווי מען קען אײַנזען, איז דאָס ערשטע ליד — „דער פאַל פון דער באַסטיליע" — געשריבן פונקט צו דער געלעגנהייט פון הונדערטסטן יאָרצײַט פון יענעם ברייט-אָטעמדיקן, גערעכטן און באַרעכטיקטן אויסברוך פון פאָלקס צאָרן...

אָבער אחוץ די צוויי פאַרעפנטלעכטע איז אויך פאַרבליבן צווישן דיכטערס נישט געדרוקטע כתבים אין אַ מאַנוסקריפּט מיט זײַן אייגנהאַנטיקער שריפט אַ גרעסער נישט געענדיקט טעמע... געענוג באַאַרבעט ליד געווידמעט דער זעלביקער טעמע. ערשט עטלעכע און פערציק יאָר נאָך דעם מחברס טויט, אין 1935, איז עס געקומען צו דער ליכטיקער שײַן 13). דער דיכטער

13) ד א וו י ד ע ד ע ל ש ט אַ ט — געקליבענע ווערק, באַנד 2, — ל י ד ע ר (צוזאַמענגעשטעלט פון קלמן מרמר?). פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1935; 338 זײַטן. — דאָס ליד געפינט זיך אין דער אָפּטיילונג „לידער, וואָס זײַנען נישט געדרוקט געוואָרן (פון עדעלשטאַטס מאַנוסקריפּטן)", טראָגט דעם נ׳ 8 און איז געדרוקט אויף די זז׳ 309—310. — אין דער דאָזיקער „עמעס"-אויסגאַבע קומען אַרײַן אַ צאָל לידער, וואָס זענען ביז יעמאָלט (ד"ה: ביז 1935) געווען בלויז אין כתב־יד און געבליבן נישט צוטריטלעך פאַר דעם לייענער און, במילא, אומבאַקאַנט. דאָ זענען אויך געדרוקט אַ שלל וואַריאַנטן צו שוין באַקאַנטע שירים, און ווי עס זעט אויס זענען זיי געטרײַ און אויפמערקזאַם נאָכגעפּרעגט און געניי אויסקאָנטראָלירט. — נאָר וואָס מ׳האָט צוגעגעבן פון איין זײַט האָט מען אַראָפּגענומען פון אַן אַנדער זײַט. מיר זאָגן עס, ווײַל אין דער אויסגאַבע פעלן שפּאַר גאָר וויכטיקע לידער פון די באַוווּסטע און אַפילו פּאָפּולערע. פאַר וואָס זענען זיי דאָ נישטאָ? האָט מען

האָט, ווײַזט אויס, דאָ געוואָלט געבן דאָס בילד פון די שטרײַטן, דערפאָלג און דערנאָך דעם דורכפאַל, אָבער איין וועגס אויך זייער צוזאָגערישן אויסבליק און באַדײַט אויף להבא. דאָס ליד הייבט ער אָן עמאָציאָנעל געריירטער:

עס טרערן די אויגן, עס שטורעמט דאָס הערץ,
ווען איך באַטראַכט דעם רײנעם מערץ,
איך זע, ווי אין פראַנקרײַך קעמפן קאַמעראַדן.

ער זעט די מורדים אויף „די שלאַכטפעלד-באַריקאַדן" „אין היימאַט פון רעוואָלוציאָנען". זיי זענען אין פולן שטרײַט, מוטיק, התלהבותדיק:

איך הער ווי זיי באַגײַסטערט זינגען
די מאַרסעליעז — דאָס הייליק ליד,
וואָס באַצויבערט די וועלט מיטן פרײַען געמיט.

ער זעט „די שיינע פרײַהײַטס-געטין", וואָס „קומט די וועלט פון קייטן רעטן". און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר זײַנע אויגן אַ „פּראַכטפול" בילד: ווי „די שטאָלצע פרײַהײַט-געטין" „גיט נאָר אַ טריט", דאָרט ווערט אַלץ פאַרוואַנדלט אין אַ צויבערהאַפטן גן-עדן; עס בליט און שטראָמט מיט פריידיק שעפעריש לעבן; און „ווּהין די געטין וואַרפט איר בליק, דאָרט יובלט ליבער פרײַהײַטס-גליק".

נאָר נישט לאַנג האַלט אָן דער דאַזיקער כישופדיקער

זיי אויסגעבראַקירט מחמת זייער אומקינסטלערישקייט? חלילה! אַז מען באַקענט זיך מיט די נישט אַרײַנגענומענע לידער, געפינט מען אויס (און מען מוז מיט צער און חרפּה מודה זײַן), אַז דער גורם אויסצושליסן זיי, ד"ה די סיבה דערצו איז — זייער אידעען און וועלט־קאָנצעפּציע... עס איז ממש צו שטוינען! מען יחוסט זיך און מען 'נעמט זיך איבער מיט אַ דיכטער, וואָס זײַן ריכטיק וואָרט און זײַן אמתן געדאַנק האַלט מען פאַר אומריכטיק און אפילו פאַר שעדלעך. והא ראיה: מען לאָזט זיי נישט דערגיין צום לייענער, פאַר וועלכן מען שטעלט זיך אַרויס מיט אים און מיט זײַן שאַפן. און עס זאָל צו מאָל זײַן אפילו כאָטש עפּעס אַ ווײַטער אָנדײַט אַז מען האָט אויסגעלאָזטן

אויסדאַכט פון אַ דערלייזטער וועלט, אַן ארומגענומענע מיט גרעל־אָראַנזשיק זונליכט און ווי פייגל, בלומען, שימערירנדי־קע פּאַרלאָקיקע פּילפּאַרביקייט, פּאַרוויגנדיקע דופטיקע ריחות און זאַנפט צערטלדיק און הײַטער באַלעבנדיק געזאַנג זענען די הויפּט־מחותנים און דער מענטש געניסט דערפון מחיהדיק און ווילטועריש, ווײַל —

די קייטן זינד פון שקלאַף געפאַלן,
ער קושט די זיסע פרײַהייטס־שטראַלן! —

נישט לאַנג האַלט אָן דאָס דאַזיקע בילד, וואָס איז צו שיין עס זאָל זײַן ווירקלעכקייט. מיט אַ מאָל — אַ חושך, אַן אפילה! וואָס איז געשען?

דאָך פלוצלינג — וואָס איז דאָס? ...עס דונערט, עס קראַכט
עס ווערט ווידער פינצטער, עס ווערט ווידער נאַכט.

יאָ, דאָס האָט דער שונא זיך געשטאַרקט און ער קריגט צוריק די איבערהאַנט:

די פרײַהייטס־געטין ווערט בלאַס ווי דער טויט,
איר שניי־ווײַסע ברוסט איז פאַרוווּנדעט און רויט,
זי האָט נאָך קיין צײַט אירע פליגל (צו) צעשפּרייטן,
ווי עס שמידן זי ווידער טיראַנען אין קייטן.
עס הילכן קאַנאָנען... די פרײַהייטס־אַלטאַרן
שווימען אין בלוט פון די קאָמונאַרן.

און דער דיכטער, מיט דער קאָשמאַרער פאָרשטעלונג פאַר די אויגן, אַ צעפּײַניקטער אין יסורים, ווענדט זיך אין גרויל צום שטראָמענדיקן בלוט פון די געפאַלענע פרײַהייטס־קעמפערס:

בלוט, בלוט, דו הייליקע זאַפט,
ווי ציניש באַשימפּט דיך די ווילדע קראַפט
פון די ווילדע טיראַנען!

אָבער דער דיכטער ווייסט אויך צו דערציילן, אַז דאָס בלוט — דאָס „הייליקע זאַפט” אָדער „הייליקער באַלזאַם”, ווי

ער רופֿט עס אָן — פֿון די געטויטע מאַרטירערס פֿאַרלאָזט די בראַווע הערצער זייערע מיט צערפֿולן באַדויער און ווייטאָג. דערפֿאַר אָבער איז עס צופֿרידן אַרויסצופֿליסן פֿון דעם שונאס גופֿים. ס'איז ווי אַ מין שטראָפֿיקער נקמה־אַקט פֿאַר אָנטאָן מעשים תעתועים די, וואָס דערוועגן זיך צו וועלן אַליין נהנה זײַן און אויך אַנדערע צו לאָזן געניסן פֿון אַל־דאָס פֿאַראַנענע אויף דער ערד:

דאָך פֿריילעך שפּריצסטו אַרויס פֿון די גלידער
פֿון אַ הענקער, וואָס האָט געטייט זײַנע ברידער,
דעם פֿרײַהייטס־גײַסט מיט די פֿיס געטראָטן,
פֿאַרפֿאָלגט אים מיט קייטן און עשאַפֿאָטן.

דאָס ליד האָט אַן עמאָטיוו אָפּטימיסטישן פֿינאַל:

דאָך וואַרט צו, הייליקער באַלזאַם,
ניט אימער וועט פֿליסן דײַן רויטער ים
איבער דער שוואַרצער מענטשלעכער ערד,
ניט אימער וועט הערשן די בלוטיקע שווערד
פֿאַר דער מענטשהייט...

דער בעל־בטחון, וואָס לעבט אין דיכטער און פֿאָרויס־זעער, ווייסט צו פֿאַרזיכערן מיט דער געוויסקייט און גלייַ־ביקייט פֿון אַ מאמין, אַז דער מענטשהייטס „לעצטער קריג" „דאָס וועט אויך זײַן איר הייליקער זיג" איבער אַלע מינים טיראַנען, דעספּאָטן און אונטערדריקער, און אַז עס וועלן פֿאַרשווינדן צוזאַמען „מיט זיי אויך די מאָרד־אינסטרומענטן".

און אָט איז דער לעצטער אַקאָרד:

פֿון שווערדן, ביקסן און גיליאָטינען
מאַכן מיר נוצלעכע אַרבעט־מאַשינען,
וואָס העלפֿן אונדז רײַכטימער פּראָדוצירן,
געניסן די פֿרײַהייט און פּראָגרעסירן.

אָט וואָס ער איז אויסן, עדעלשטאַט, און וווּהין ער צילט. אָט וואָס ער זעט ווי אַן אויסלאָז — אַ מעטע צו דערגרייכן —

פון יענע געוואַגטע מרידות און העפּטיקע, לית-ברירהדיקע, שטרײַטן. ס׳איז נישקשה פון אַ פאַרלאַנג.

האָט ער געהאַלטן פאַר זיך דעם תנ״ך, עדעלשטאַט, און זיך אַזוי אַרײַנגעטאָן און איבערגענומען מיט ישעיהס וויזיע? אפשר. דאָס איז גאַנץ מיגלעך. אָבער יאָ צי נישט — דאָס איז אַלץ איינס. אָן ישעיהס באחרית הימים וואָלט עס אויך געווען זײַן חלום. פונקט ווי עס איז אַוודאי אויך הײַנט אונדזער פנימיותדיקסטער, נשמהדיקסטער באַגער. ווײַל ער וואָלט גרײַלעך — און פאַקטיש האָט ער — זיך אַליין צו דעם דערגרונטיקט: דאָס לעבן גופא האָט עס אונטערגעזאָגט. דער אײַנגעפירטער שטייגער, דער סדר-העולם האָט עס געפאָדערט. ווי ס׳האָט אויך ישעיהן דאָס וואָרע לעבן בלויז דערפירט דערצו; פונקט ווי די געלעבטע ווירקלעכקייט דיקטירט עס אונדז.

און אַט איז נאָך אַ וועזן, וואָס געדיינט זיכער אין זיין געדעכעניש. און איז דאָרט אַוודאי איינגעוועבט אין אַ שטראַלן־וואָרפיק ליכט. דאָס מאָל איז עס נישט קיין דיכטער, נאָר גלאַט אַ מענטש. דערפאַר אָבער איז עס אויך דאָס מאָל אַ פרוי. און אויך זי האָט ער געהאַט די זכיה צו האָבן אין זיינע טעג, כאָטש בלויז ביז זיין אָנהייב יוגנט, און דערצו נאָך אין זיין געבורטסלאַנד.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד איז געווען אַ פּועל־יוצא פון די סאָציאַלע און רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען און אידעען אין מערב־אייראָפּע. נאָר הגם באַווירקט פון דרויסן זענען אָבער אין לאַנד גופא געווען אומגעהייער אַ סך סיבות — ממש אומציילבאַרע, אפשר מער ווי ערגעץ אַנדערש — וואָס זאָלן גורם זיין די זריעה־קערנער זאָלן זיך צוקלעפּן און אָננעמען, שלאָגן וואָרצלען און אָנהייבן אויפשפּראָצן און זאָלן זיך רייסן צו בליִען און אויך וועלן אויסשטיין צייטיקע פּירות.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז איצט, מיט דעם ממשותדיקן פרווו פאַר זיך פון דער פּאַריזער קאָמונע צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אידעען און אויך די פּרינציפּן וואָס זי אַליין, די קאָמונע, האָט פּראָקלאַמירט — זאָל, ווי דאָרט, אויך דאָ זיך אַרויסרוקן אַ פרוי ווי אַ באַוועגרין און אַן אינספּירירערין צו טאַט, צו אַקציע.

ווי לעבעדיק האָט פאַר עדעלשטאַטס אויגן געדאָרפט שוועבן דאָס געשטאַלט פון דער דאָזיקער פרוי. דער אופן, ווי ער מאָלט און שטעלט פאַר די פיגור פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערין און מאַרטירערין, דינט אונדז אַן דערויף. אַט ווי ער הייבט אָן דאָס פּופּצן־סטראָפיק ליד, אין וועלכן ער באַזינגט זי:

דאָס איז געווען אַ פרוי! זעלטן זענען פרויען
אַזוי בראַוו און נאָבל, אַזוי גײַסטיק וווּנדערשיין.
זי איז געווען באַרופן דעם פרײַהייטס־טעמפּל בויען
און מיט איר בלוט האָט זי געפאַרבט זײַן שטיין! —
(ז' 113)

כדי אין איינער פון די לעצטע סטראָפעס אונדז מגלה צו זײַן:

זי שוועבט פאַר מיר, די געטין וווּנדערשיינע!
באַצויבערנד, אַנטשלאָסן, מילד און דרײַסט.
און זי פאַרפולט מײַן האַרץ מיט פערל ריינע,
און באַפליגלט מײַן פאַרשקלאַפטן גײַסט.

איך הער איר שטימע...
(ז' 115)

די באַוווּנדערונג און אַכפערונג ווערן נולד, פאַרשטייט זיך, נישט מחמת דער „געטינס" „וווּנדערשיינקייט" און איר „באַצויבערנדיקייט", נאָר ווײַל „טרײַהייט האָט זי דעם אָרעמען פאָלק געשוואָרן" און האָט באַשלאָסן צו „קעמפן, לעבן נאָר פאַר אים אַליין" (ז' 114).

הגם דאָס מאָל איז עס נישט קיין דיכטערין, איז זי אָבער פאָרט אַ גאָר ווערדיקע נאָכפאָלגערין פון איר עלטערער פראַנצויזישער מיטצײַטלערין און מוסטער. נישט אומזיסט איז עדעלשטאַט אַזוי באַגײַסטערט פאַר איר. ממש אַ יראת־הכבודיקע באַגײַסטערונג. ווײַל טאַט, אַקטיוויטעט, איז דאָס, וואָס אים אימפּאָנירט, פאַרכאַפּט פולשטענדיק, בפרט באַוווּסטזיניקע, בלב־ונפשדיקע, און פּרוכטיקע, ביז מקריב צו זײַן זיך אַליין. און זי, זײַן העלדין, האָט געוווּסט איינס: זאָגן, באַשליסן — מיינט טאָן, דורכפירן. איר גאַנץ וועזן איז געווען אַקציע, באַוועגלעכקייט, האַנדלונג — ביז מקיים צו זײַן. אין עדעלשטאַטס פּאָעמאַטישן געזאַנג וועגן איר איז נישטאָ עפּעס אַנדערש, אחוץ נאָר באַוווּנדערונג און פאַרערונג. אָבער באַוווּנדערונג און פאַרערונג, וואָס האָבן זייער מקור און סיבה אין דער באַזונגענערס טוּיִקייט און אין אירע מעשים.

אָט די טויקייט — דאָס הויפּטיקע און תמציתדיקע אין זיי — איז אַ געמיינזאַמער שטריך אין ביידן. פֿאַראַן אין זייער כאַראַקטער און זייַן נאָך ענלעכקייטן. אָבער אויך אונטערשיידן. נאָר נישט דאָס אינטערעסירט אונדז. ביידע האָבן געהאַט דרייַ גרויסע, הייליקע, ליבעס: דאָס לייַדנדיקע פֿאָלק, צו וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן און מקריב געווען דאָס הייליקסטע און איינמאָליקס וואָס דער מענטש פֿאַרמאָגט — דאָס לעבן; די צאַרטליבנדיקע געטרייַע מוטערס, וועמען ביידע האָבן געוואָלט אויסמייַדן ניט צו פֿאַרשאַפֿן קיין עגמת־נפש און ס'האָט זיך זיי קיין מאָל ניט איינגעגעבן; און די, וואָס האָבן געזאָלט זייַן זייערע לעבנס־באַגלייטער. פֿאַר ביידע ערשטע האָבן זיי געטאָן וויפל ס'איז נאָר געלעגן בייַ זיי אין די הענט. בשייַכות דעם דריטן — נו, דאָס דריטע האָבן זיי מקריב געווען ווי זייער אייגן לעבן גופא... נאָר דאָ האָט די גרויסע תלמידה געהאַט מער מזל, ווי איר פֿאַרגייערין און מוסטער: די רוסין האָט געהאַט דאָס גליק צו גיין אין דער אייביקייט אַרייַן צוזאַמען מיט איר אויסדערוויילטן, בעת דער פֿראַנצויזין האָט דער גורל צוגעמישפּט זי זאָל אָפּקומען חיבוט הקבר אויף דער ערד, אָפּגעשיידט פֿון איר באַשערטן, און נישט אונטער איר, אין זייַן באַגלייטונג, כאָטש זיי איז פֿאַרגעשטאַנען די מיגלעכקייט צו גיין דעם לעצטן וועג צוזאַמען 14).

14) אויף דעם געדאַנק צו דערמאָנען זיי בנשימה אחת האָט אונדז אַרויפֿגעפֿירט עדעלשטאַט גופא. די צוויי מאָל (און אויך אַ דריטס, ווי מיר וועלן עס דאָ באַווייַזן אויף אַן אַנדער אָרט), וואָס ער שרייַבט לידער בשייַכות דער פֿאַריזער קאָמונע טוט ער עס אויך לגבי די רעוואָלוציאָנערע פּאַסירונגען וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט צען יאָר שפּעטער אין רוסלאַנד און אויך טאָקע אין מערץ. און ביידע מאָל דרוקט ער די לידער אין דער זעלביקער אויסגאַבע און אין דעם זעלביקן נומער אַפֿילו. אין 1889 — אַרויסצוהייבן, מחמת די געשעענישן, דעם חודש און צו אונטערשטרייַכן זייער באַדייַט — דעם 15טן מערץ אין „וואַרהייַט" („מערץ־בילדער", זז' 101־102, און „דער 13טער מערץ" זז' 103־104); אין 1891 — צו אויסטיילן און אויסרומען די הויפּט־פּערסאָנאַזשן אין זיי, די באַוועגנדיקע פֿיגורן — דעם 13טן מערץ אין „פֿאַש"

אָבער ביידע פֿרויען האָבן געהאַט זייערע סאַטיספֿאַק־ציעס, הגם איינע צווישן די לעבעדיקע און די אַנדערע — אויפֿן עולם האמת אין די רוימען. ווײַל נישט די פּערזענלעכע אינטערעסן און געווינסן זענען פֿאַר זיי געווען וויכטיק, נאָר די אינטערעסן און געווינסן לטובת דעם כלל. דאָס האָט עס באַדאַרפֿט זײַן דער פּראָדוקט פֿון זייערע מעשים און מאַר־טירערשאַפֿט. און דער כלל האָט עס פֿאַרשטאַנען. זייערע אַי־דעען האָבן באַקומען וועזנטלעכקייט, גופֿים. נישט געאַכט אויף די פֿאַרפֿאָלגערס אויסראָט־מעטאָדן און די אָפּשרעק־מיטלען. ווי די לעבעדיקע פּראַנצויזישע מורדת בײַ איר פֿאָלק, אַזוי איז די געטויטע רוסישע רעוואָלוציאָנערין בײַ איר סך צענדלינגער מיליאָניקן פֿאָלק געוואָרן דער סימ־באָל פֿון אַן איידעלער קעמפֿערין פֿאַר זײַן, דעם פֿאָלקס, ווילזײַן און פֿרײַהייט.

ס'האָבן זי דערוואָרגן די געקרוינטע הענקער,
דאָך לעבט איר גײַסט און ווירקט נאָך יעצט,
פֿון הערצער איידעלע און פֿון פֿרײַע דענקער
געליבט, געאַכט, באַוואונדערט און געשעצט.

(ז' 115).

איר נאָמען איז **סאָפֿיע פּעראָווסקאַיאַ** (1854—1881). זי איז דער פּראָטאָטיפּ פֿון אַמאָליקן רוסישן רעוואָלוציאָנער, וואָס וואָלט — און האָט — פֿאַר פֿרײַהייט אַוועקגעגעבן דאָס לעבן. געשטאַמט האָט זי פֿון דער העכסטער רוסישער אַריס־טאָקראַטיע, אַ משפּחה פֿון גרעסטן יחוס, מיט הויכע ראַנגען

(זען ז' 115-113 און 117-116). עדעלשטאַט פֿאַרבינדט זיי נישט אין אַ פֿאַרגלײַך דורך זוכן און אײַנזען געוויסע שײַכותן צווישן ביידע. די פֿאַר־בינדונג בײַ אים באַשטייט דערין, וואָס ער טראַכט וועגן זיי אין דער זעל־ביקער צײַט. זײַן געדאַנק און געמיט און זײַן זעל זענען געווענדט צו זיי און זיי געווידמעט און פֿאַרנומען מיט זיי אין איינע און די זעלביקע טעג. און פֿאַר וואָס זיי קענען הויזן צוזאַמען בײַ אים אין גײַסט — דאָס איז שוין מער ווי קלאָר און פֿאַרשטענדלעך. — זען אין די ה ו ס פֿ ו ת, דעם דריטן צי־טאַט (ז' 103).

און טיטלען און גאָר ווערטיקע אויפטוער פאַר דער פאַרגרעסערונג פון דער רוסישער אימפּעריע. איינער אירער אַ גאָר נאָנטער שטאָם-פאָרגייער אין יחוסדיקן קרובים-צעטל איז געווען דעם אימפּעראַטאָר פּיאָטר דעם גרויסנס אַן איידעם, דער קייזערין יעליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַס (1762-1709) מאָרגאַנאַטישער מאַן. פּעראָווסקאַיאַס זיידע איז געווען בילדונגס-מיניסטער, איר פאָטער — גענעראַל גובערנאַטאָר פון פּעטערבורג. נו, גאָר נאָנטע מחותנים מיטן צאַריזם. מען קען פאַרשטיין, אַז געהאָדעוועט האָט זי זיך אין לוקסוס און אין אַלע ווױלטאָגן 15).

נאָך גאָר אַ פּיצל קינד האָט זי שוין געהאַט די געלעגנהייט צוצוזען און צו פילן, וואָס עס איז אַזוינס אַן אַלמעכטיקע אַבסאָלוטיסטישע זעלבסטהערשאַפט. דערווײַל איז עס נאָך גאָר אין מיניאַטור: איר היים בלויז. אָבער פאַרן קינד, בכלל, איז די היים — אָט דאָס מאָנטשיק ברעקל חלקל שטח היים — בבחינת דער גאַנצער אוניווערס. און עס איז גענוג משפּיע צו זײַן שוין אויף תמיד יעדן איינעם, בפרט נאָך אַ פילעוודיק הארץ, אַ גײַסט וואָס איז להוט צו אָבסערווירן און אַ מוח וואָס איז גענייגט שכלדיק, גראָדליניק, זיך צו פאַרטיפן. דער דאָזיקער צושטאַנד בלײַבט נישט אַטראָפירט און אַמאָרפיש אין אַ וועזן, וואָס אַנטוויקלט זיך נאָרמאַל פיזיש, מענטאַל און גײַסטיק. ער איז אויך עקסטענסיוו און נעמט שפּעטער אַרום דאָס גאַנצע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם באַגריף וועלט. אין דעם קליינעם מיידעלע איז דאָס גענוג עס זאָל פאַרעמען און האַרטעווען דעם כאַראַקטער אויף להבא און עס זאָל זיך כאָוועון אין אים אַן אומצופרידנקייט צו אַזאַ מין פיר, אָנגעלאָדן מיט פּראָטעסט און מרידה-דראַנגען, און וועקן איין וועגס אַ רעבעלישע קעגנערשאַפט צו אונטערגעוואָרפנקייט און אומפרײַהייט.

איר דעספּאָטישער פאָטער פירט דאָס הויז ביד חזקה, ממש מיט אַן אכזריותדיקער שטרענגקייט. פאַר אים עקסים-

15) זעז די באַמערקונג 8 אויף דער זײַט 25.

טירט נישט קײנעמס װילן, חוץ זײַנער, קײנעמס פֿאַרשטאַנד, קײנעמס געפֿילן. מעג עס זײַן לגבי די פֿאַרשקלאַפֿטע, אין פֿינצטערניש און אומװיסן געהאַלטענע פּױערים, װאָס זענען ביז אַט ערשט נישט לאַנג געװען די פּריציםס אײגנטום, װאָס מען האָט געקאָנט באַהאַנדלען װי יעטװעדן נישטבאַלעבטן קעגנשטאַנד, און ס'מעג אױך זײַן לגבי זײַן אײגענער משפּחה. אַפֿילו װײַב און קינד דאַרפֿן הכנעהדיק געהאָרכזאַם אױספֿאָלגן אַלץ לױט זײַן פֿאַרלאַנג. דאָס איז דער דרך פּירונג אין דעם גאַנצן אַרום. פֿאַר דער קלײנער אונטערװאַקסנדיקער סאָניען איז איבער גענוג צוצוזען װאָס איר אײדעלע און האַרציק געטרײַע מוטער דאַרף אױסשטײן אין פֿאַרטײדיקונג קעגן קאַפּריזן באַפֿעלער און זײַן אײַזערנער האַנט. און אַז װען זי איז דערנאָך געקומען אין קאָנטאַקט מיטן אַלגעמײנעם לעבן, איז זי שױן געװען צוגעגרײט לײַכט אױסצוגעפֿינען די אומרעכטן און אומגלײַכקײטן און דערפֿאַר, במילא, נישט געליטן קײן אומגעריכטע סורפּריזן, װאָס זאָלן פּלעפֿן און חידושן, און שױן געזוכט מיטלען און װעגן װי אַרום אױסצוראַטן דאָס שלעכטס, װאָס אַנדערע האָבן װילנדיק און מיט שלױקײט אַרױפֿגעצװוּנגען. זי האָט זיך געפֿילט מחױב דאָס צו טאָן, װײַל איר קלאַסן־שיכט איז געװען דער חײב דערין. דערפֿאַר איז איר קורץ לעבן געװען אַזױ אינטים באַזאָרגט און פֿאַרבונדן מיט די אָפּגענאַרטע און באַעװלטע און אַזױ אינטענסיװ אָנגעפּראָפּט מיט מעשים, איניציאַטיװעס, אונטערנעמערישקײט און אַזױ קאַפּאַבל אױך אַנדערע אירס גלײַכן באַװעגן דורכצופֿירן העראָיִש געװאַגט, באַגלײַך מיט איר, קוראַזשיק דרײַסטע טאַטן. און דערפֿאַר האָבן עס די, װאָס האָבן קנעכטיש אונטערטעניק און חניפֿיק פֿאַלש אָפּגעהיט, פּניותדיק אױסגערעכנט, די אינטערעסן פֿון דעם קלאַס, פֿון װעלכן זי האָט געשטאַמט און קעגן װעלכן זי האָט זיך קעגנגעשטעלט, אַזױ געלױערט אױף איר לעבן און עס איבערגעהאַקט, װי נאָר ס'האָט זיך געמאַכט די געלעגנהײט דערצו. נישט אָננעמען דעם כּלל פּירונגען, װאָס אַ דין־די-

נער מאַכטהאָבערישער שיכט צווינגט אַרויף, דאָס מיינט כפירה. פאַר דערוועגן זיך כופר צו זיַין, דאַרף מען האָרב אָפּ־קומען. אַזוי, לכל הפּחות, האַלט דער, וואָס באַשטימט און צווינגט אַרויף דעם פּיר. אָבער נאָך שווערער איז די זינד, ווען מען איז מורד קעגן דעם אייגענעם קלאַן אָדער קאַסטע. אַנרחמנותדיק איז יעמאָלט דעם אַנפירערס נקמה־דאָרשט. האָט זי באַקומען איר שטראָף. און זי האָט עס אָנגענומען באהבה. ניין, מיט נאַטירלעכער זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט.

צו אַן ערך פופצן־זעכצן יאָר פאַרלאָזט זי דאָס עלטערן־הויז, וויַיל זי וויל זיך נישט אונטערוואַרפן איר זעלבסטהער־שערישן פּאַטערס דיקטאַט. דאָס איז געווען כלפּי חוץ איר ערשטער רעבעלישער שריט אין שטריַיט אויף לעבן און טויט קעגן דעם דעספּאָטיזם און דער פריַיהיַיטס שונאים. צו די אַרום זיבן און צוואַנציק יאָר, ווי אַן עונשדיקן שכר פאַר איר באַוווּסטזיניקן פאַרעקשנטן קאַמף קעגן באַוווּסטזיניקן פאַר־עקשנטן אומיושר — פאַרענדיקט זי איר לעבן אויף דער תליה.

זינט זי פאַרבינדט זיך מיט די כלל־פּראָבלעמען, וואָס אינ־טערעסירן אין יענער צייַט דעם בעסערן טייל פון דער מענטש־הייט, גייט זי דורך אַלע פאַזעס אַנטוויקלונג קאָנצעפּטועל און אין געזוך פון מעטאָדן צו פאַרווירקלעכן זיי, ווי זיי זענען צו שטאַנד געקומען אין איר פאַטערלאַנד. פאַקטיש איז זי איינע פון די וואָס העלפן זיי געפינען. דאָס ספּעציפישע שטיי־גער לעבן רוסלאַנדס, אירע אייגנטימלעכע תנאים, האָבן אויך געצווונגען צו זוכן אייגנאַרטיקע מיטלען פון קאַמף. אַרבעט צווישן דער יוגנט, גרינדן קריַיזלעך פאַר אַליין־דערהייבונג, פאַר אַ שלימותדיקער אויסגעשטאַלטיקונג פון דער אייגע־נער פערזענלעכקייט, דערגרונטיקט ביז צו אירע אינטימסטע גײַסטיקע און עטישע פיַינקייטן און אויסדרוקן; גיין אין פאָלק, דינען עס און עס באַהילפיק זיַין אין זיַין נויט און אומבאַהאָל־פנקייט; לערנען, דערציִען עס, אויפקלערן; מאַכן זען די ווירק־לעכקייט, דעם אייגענעם ווערט, די ריכטיקע לאַגע: אויפוועקן

און באַגרינדן אומצופרידנקייט, זייען רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס: זיך צונויפמישן מיטן המון, ווי אַ נאָרמאַלער, נאַטירלעכער חלק זײַנער און מיטלעבן אויפן זעלביקן שטייגער וואָס ער אַלע זײַנע פירונגען און פּלאָגענישן, ווײַל עס דאַרפן נישט און עס טאָרן נישט זײַן קיין קלאַסן־צעטיילטקייטן אין איין פּאָלק, בפרט מיט אַזעלכע בולטע שאַרפע אונטערשיידן אין די קאָנדיציעס און אופן לעבן, און כדי אויך די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע זאָל שוין בינתים האָבן מער האַפּט און השפעה. קאָנספּיראַציע־אַרבעט, געהיימע פאַרזאַמלונגען, צוגרייטן אונטערערדיש אויפקלער־מאַטעריאַלן, אויספּלאַנען און אונטערנעמען ממש פאַנטאַסטישע ווערק דורכצופירן אַטענטאַטן, טעראָר־אַקטן, ווען די הערשנדיקע רעאַקציע בושעוועט קעגן פּאָלק הפקרותדיק, בעסטיאַליש ווילד. און לסוף באַצאָלן פאַר דער דאָזיקער געוואַגטקייט און דערפּינדערישקייט מיט דעם יונגן לעבן, אויף דעם שטייגער, ווי די אײַנגעפּעסטיקטע, כאָטש צעשראָקענע, צאַרישע זעלבסטהערשאַפט האָט נקמה גענומען פאַר זײַן קעגן איר און פאַר וועלן זי אָפּשאַפן. נו, יעדער איינער וויל בלײַבן געדײַען און פרווּווט מיט אַלע מיגלעכע כוחות און אַפילו נישט דערלאָזלעכסטע מיטלען זיך צו האַלטן אויף דער אייבערפלאַך, און בײַסט זיך, בכן, אײַן און קלאַמערט זיך מיט ציין און נעגל אין וואָס ער קען.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט דורך פאַרפּאָלגן, טעראָריזירן און אומברענגען מענטשן ראָט מען אויס זייערע אידעען און דערקענטעניש און נישט דורך דעם טויט פון איינעם אָדער מער פאָרשטייער פון אַ הערשנדיקן קלאַס מאַכט מען פאַרשווינדן אַ גאַנצן סיסטעם פירונגען און אײַנריכטונגען, וואָס די וועלטיקנדיקע קאַסטע האָט מיט כלערליי מיטלען פאַרפּעסטיקט. ביידע זיך באַקעמפנדיקע צדדים ווייסן דאָס שוין איצט. גײַסט קאָן מען נישט אויסראָטן אָדער דערשטיקן. און קאַמף פאַר פרײַהייט, קאַמף פאַר דערהייכן דרך־ארצדיק דעם מענטשנס השיבות, קאַמף פאַר אַ ווערדיק, בכבודיק לעבן, קאַמף פאַר גלײַכע תנאים אַלעמען, אָן דעם אַרויפגעצוווּנ־

גענעם חילוק אין באזיץ, ארבעט און גענוס — דאס אלץ איז קאמף פאר גייסט. און גארנישט קיין שאנסן צו דערשטיקן זיי האט דערויף ברוטאלע מאכט. בלויז גייסט האט דעם כוח צו באקעמפן און באהערשן גייסט. נאר ווי וועט זיך דער גייסט אונטערנעמען צו באשטרייטן זיינס גלייכן, אדער זיך אליין? דאס קען זיך אונטערנעמען — און דאס נעמט זיך אונטער — דאס פסעוודאדיקע, דאס פאלשע, וואס וויל אנגיין פאר גייסט און וויל זיך ווי אזוינס ארויפצווינגען און אימפאנירן. אבער דאס איז ווידער א מאל א באווייז, אז עס איז נישט גייסט. דאס וואס איז באמת גייסט איז באשיידן, פשוט, און האט גארנישט אין זינען צו ארויפדריקן זיך. ער ווייסט זיין בלי־ספקדיקן ווערט און ווייסט זיין אוממיטלבארן כוח און ווייסט, אז קיינער קען אים נישט בײַשטיין. ער ווייסט אבער אויך, אין זיין זעלבסטבאוווסטזיין, אז ער קען געדייען בלויז דארט ווו מען וויל אים פרייוויליק און באמת. אבער ווער וויל עס אים נישט? פאראינטערעסירטע קענען אים בלויז דערווייטערן אויף דערווייל. אבער סוף־כל־סוף בלייבט ער דער געווינער. אוודאי, נישט ווי דער גאווהדיק טריומפירנדיקער זיגער, וואס שטעלט זיך חוצפהדיק אויס אין זיין מאמענטאנעם נצחון.

סאפיע פעראווסקאיא איז געווען אין אלץ און אומעטום. און שטענדיק די ערשטע. איינציק און נישט פארגלייכלעך. שיינקייט, גראציע, יוגנטלעכקייט, צניעות, פשטות, נאטירלעכקייט, פארשטאנד, גייסט, איינפאלערישקייט, פליכט, סימפאטיע, אונטערנעמערישקייט, ארגאניזאציע, מוט, באגייסטערונג, פאראנטווארטלעכקייט, פעיקייט צו דערפירן ביז צום סוף אן אונטערנעמונג, די געוואגטסטע אפילו, דורכגעטראכט ביז צו די מינדסטע פרטים — דאס אלץ האט צונויפגעשטעלט איר פערזאן און כאראקטער. זי האט זיך נישט פארלוירן אין די שווערסטע סיטואציעס, תיכף זיך אריענטירט און באלד זיך געגעבן אן עצה. דערבײַ זיך געהאלטן באשיידן און איינפאך.

ווענן איר גופא, צו דערקענען זי מער, וועלן מיר לאָזן רעדן פאַר אונדז סערגיי סטעפּניאַקן (1852—1895), וועלכער האָט זי גוט געקענט פון דער נאָענט. מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע זאַצן סטעפּניאַקס, אַרויסגענומען פון באַזונדערע ערטער פון איין און דער זעלביקער אַרבעט 16). זיי גיבן, דוכט זיך, אַ פול בילד ווענן איר גאַנצן מהות.

„זי האָט געהאַט אַ גרויסן אײַנפלוס דורך איר שטאַנדהאַפטיקער שטרענגקייט צו זיך אַליין, דורך איר אומדערמידלעכער ענערגיע און הויפּטזאַכלעך דורך איר גרויסן פאַרשטאַנד. קלאָר און שאַרפזיניק איז געווען איר פאַרשטאַנד. אורטיילן פלעגט זי שטענדיק פילאָזאָפיש" (ז' 119). „אין דער דיאַלעקטיק, אין דער קונסט פון רעזאָנירן קלאָר און ריכטיק, איז זי געווען אַזוי געשיקט, אַז זעלטן האָט איר עמעצער געקענט באַזיגן. זי פלעגט באַטראַכטן יעדן קעגנשטאַנד פון אַלע אָנשויונגס-פּונקטן" (ז' 120). „ווו מען האָט נאָר געדאַרפט עפּעס אָרגאַניזירן, איז זי געווען דער ניצלעכסטער מענטש, ווײַל דורך איר קאַלטן, רײַכן פאַרשטאַנד האָט זי תמיד ריכטיק געשעצט אַלץ, איבערהויפּט די קלייניקייטן, פון וועלכע עס הענגט זייער אָפט אָפּ דער גוטער אָדער דער שלעכטער רעזולטאַט פון די גרעסטע אונטערנעמונגען" (ז' 136). „זי פלעגט געווינען די סימפּאַטיע פון דער יוגנט, ווײַל זי איז געווען אַזוי פשוט, אַזוי איינפאַך, קיין מאָל ניט שטאָלצירט מיט איר קעגנוואַרט*). זי פלעגט באַצויבערן די יוגנט מיט

16) פון זײַן בוך דאַס אונטערערדישע רוסלאַנד, איבערזעצט פון א. פרומקין; אַרויסגעגעבן מאַקס נ. מײַזעל, יידישער פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור און וויסנשאַפט, ניו-יאָרק, 1921; 253 זײַטן. — די אַרבעט ווענן ס. פּעראָווסקאַיאַ פאַרנעמט די זז" 113-147.

*) די באַרימטע רעוואָלוציאָנערין ווערא פיגנער, פּעראָווסקאַיאַס אַ חברטע לדעה און מיטקעמפערין, דריקט זיך אויס בנוגע זייער אָנהייב באַקאַנטשאַפט מיט אַ די אַ רירנדיקע ווערטער: „אַזוי שנעל ווי איך האָב זי דערזען, איז זי מיר געוואָרן אײַנגעבאַקן אין האַרצן, און איך האָב זי אָנגעהויבן צו ליב האָבן. מיר איז געפעלן געוואָרן ווי זי האָלט זיך אַזוי

איר טיפן פאַרשטאַנד" (ז' 136). „איר איַינפּלוס אויף די יונגע הערצער פלעגט קיין מאָל ניט אויפהערן צו ווירקן, וואָרעם איר פּערזאָן אַליין האָט געווירקט אויף די טיפע מאָראַלישע סטרונעס פון דער מענטשלעכער נאַטור" (ז' 137). ...„עס איז געווען שווער צו געפינען נאָך אַ מענטשן, וועלכער זאָל זײַן אַזוי דיסציפּלינירט און דערבײַ אויך אַזוי שטרענג. ...ווי שטרענג זי איז געווען צו אַנדערע, צו זיך אַליין איז זי געווען נאָך שטרענגער. דער קענטיקסטער צוג אין איר כאַראַקטער איז געווען דאָס געפיל פון פליכט. זי האָט דאָס דאָזיקע געפיל אַממיינסטן אַנטוויקלט אין זיך"... (ז' 139). „דורך איר אײַזערנעם ווילן האָט זי פון זיך אויסגעאַרבעט אַן אמתן סטאָיקער, אַ שטאַרקן, שטאַנדהאַפטן מענטש, וועלכער קען אַלץ אַריבערטראָגן, די שרעקלעכסטע קלעפּ פונעם שיקזאַל, און וועט זיך קיין מאָל נישט בייגן. קיינער האָט פון איר ניט געהערט קיין „אוי", קיין „ווײ"; זי האָט זיך קיין מאָל ניט באַקלאָגט. זי האָט אַלץ געקענט באַהאַלטן אין זיך, פאַרדריקן דעם מאָראַלישן ווייטאָג, פאַראַכטן די פיזישע לײַדן" (ז' 139). „איר גײַסט איז געווען אַזוי מעכטיק, ווי איר פאַרשטאַנד" (ז' 140). „עלף יאָר איז זי געשטאַנען אויפן שלאַכטפעלד; וויפל מענטשן זענען פאַרלאָרן געגאַנגען, וויפל אַנטוישונגען זענען געווען, וויפל מאָל האָבן די האָפענונגען אָפּגענאַרט! זי פלעגט זיך אָבער יעדעס מאָל איבער אַ נײַס וואַרפן אין דעם שווערן קאַמף. דער פונק פון געטלעכן פײַער איז געבליבן אומבאַרירט אין איר האַרצן" (ז' 141). „אין דער טיפעניש פון איר נשמה איז זי שטענדיק געווען אַ באַגײַסטערטע נביאה" (ז' 141). „סאָפיע פּעראָווסקאַיאַ איז ניט נאָר

פשוט און איז אַזוי צוגעלאָזן און האַרציק צו מענטשן" (ז' 150 אין מעמואַרן, פאַרלאַג „וועקער", ניו־יאָרק, 1925; פון רוסישן איבערזעצט פון מ. אַשעראָוויטש. — פון דעם דאָזיקן ווערק איז דערשינען אויך אַ צווייטע איבערזעצונג אונטערן טיטל זכרונות פון אַ רעוואָלוציאָנערין, אַרויסגעגעבן אין (פאַר חורבנדיקן) וואַרשע דורכן פאַרלאַג „קולטור").

געווען אַן אָנפירערין, נאָר אויך אַן אָרגאַניזאַטאָרין. אין פֿײַער איז זי שטענדיק געגאַנגען די ערשטע; די געפערלעכסטע פּלע־צער פלעגט זי זוכן פאַר זיך. דאָס האָט איר אויך געגעבן אַזאַ מאַכט איבער אַנדערע הערצער. ווען זי פלעגט אָנשטעלן אויף אײנעם איר בליק, וועלכער פלעגט דורכדרינגען אין דער טיפסטער טיפעניש פון דער נשמה, און פלעגט מיט איר ערנסטן פּנים זאָגן: ,לאָמיר גיין!' — ווער האָט איר געקענט ענטפערן: ,איך וויל ניט גיין'? אַליין איז זי געגאַנגען מיט פֿײַער, מיט ענטוזיאַזם" (זז' 142-141).

זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום זאַך, און גאָרנישט איז איר שווער געווען — אַבי צו קענען זײַן נוציק איר פאָלק. צי דאָס איז ווי אַ לערערין, צי ווי אַ קראַנקן־וועכטערין בײַם באַדינען חולאים, צי אין קאָנספּיראַציע בײַ די סכנהדיקסטע אונטערנעמונגען, פאַרשטעלט פאַר אַ פויער־טע אָדער אַן אַרבעטס־פרוי — אַלץ האָט זי דורכגעפירט בשלימות, מיט דער עכטקייט און פערפעקטקייט, וואָס נאָר די נאַטור איז בכוח צו שענקען. „איצט אין דער ראָל פון אַן אַרבעטערס פרוי, אין אַ פּראָסט קאָרטן קלייד און מענערשע שטיוול, דער קאָפּ באַדעקט מיט אַ פּראָסט טיכל און שלעפּט אויף די אַקסל צוויי עמערס וואַסער פון דער נעוואַ, וואָלט קיינער נישט געקענט דערקענען אין איר יענץ מיידל, וואָס האָט ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק געשײַנט אין אײנעם פון די עלעגאַנטסטע סאַלאָנען אין דער הויפּטשטאָט" 17).

און אַזוי, מיט דער כוונה צו דינען דעם פאָלק, איז זי אויך געגאַנגען צום טויט.

און זי איז געגאַנגען אויף קידוש העם. מיט אַ נאַטיר־לעכער זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט און רויִקייט ווי די פרום־גלייביקע זענען געגאַנגען אויף קידוש השם. זי איז געווען באַוווּסטזיניק אויף אירע אונטערגענומענע פליכטן לגבי דעם

17) פּ י א ט ר ק ר א פּ א ט ק י ן אין זײַנע „מעמואַרן פון אַ רעוואָלוציאָנער".

פֿאָלק פֿון דער ערשטער רגע אָן זינט זי האָט צוגעניגט איר האַרץ און מוח צו זײַנע דחקות. און באַלד דערויף תיכּף שוין איין וועגס צוגעניגט איר גאַנץ לײַב און לעבן צו אָפּשאַפֿן די סיבות, וואָס זענען זיי גורם.

זי האָט געוווסט אויף קלאָר וואָס זי האָט געוואָלט. יאָרן פֿריִער, איידער מ׳האָט נאָך געקענט דאַכטן צו וואָס פֿאַר אַן עקסטרעמען ס׳וועט זי דערפֿירן איר טעטיקייט, האָט זי זיך געהאַט אויסגעדריקט אַזוי צו איינעם אַ גלײַכן אירן — גלײַך לויט דעם אָפּשטאַם־קרײַז און אויך גלײַך לויט דעם רעוואָלוציאָנערן קרײַזל — דעם פּרינץ פּיאָטר קראָפּאָטקין: „מיר האָבן אונטערגענומען אַ גרויס ווערק. ס׳וועלן אפשר אומקומען צוויי דורות איידער מען וועט גרייכן צום ציל; אָבער סוף־כּל־סוף וועט מען אים דערגרייכן״. און ווי אַ קאָנסעקווענטער פּועל־יוצא פֿון די דאָזיקע רייד, אין אַ גלײַכער ליניע זייערע, האָט זי דערפֿאַר געקענט שרײַבן געציילטע טעג פֿאַרן אָוועקגיין אין דער אייביקייט אַרײַן צו איר מוטער: ...„וועגן מײַן גורל טרויער איך גאָרנישט; פֿולשטענדיק רויִק באַגעגן איך אים, אַזוי ווי איך האָב לאַנג צוריק געוווסט און דערוואַרט, אַז פֿריִער צי שפּעטער, וועט ער אַזוי זײַן. און באמת, געליבטע מאַמוליע מײַנע, איז ער גאָרנישט אַזוי שרעקלעך. איך האָב געלעבט אַזוי ווי עס האָבן מיך אונטערגעזאָגט מײַנע איבערצײַגונגען; אַרויסטרעטן קעגן זיי בין איך נישט געווען אין שטאַנד; דערפֿאַר דערוואַרט איך מיט אַ רויִקן געוויסן אַלץ וואָס עס שטייט מיך פֿאַר״.

אויף דער שוועל פֿון טויט אַזעלכע רייד, און ווען מען נעמט נאָך אין זינען דעם טאָן פֿון גאַנצן בריוו, דעם אופֿן ווי ער איז געשריבן און וואָס אַזוינס עס האָט זי באַוויזן אים צו שרײַבן — זעט מען ערשט אײַן ווי באהבה זי האָט אויפֿגענומען דעם פּריִען, אַרויפֿגעצוווּנגענעם כּרת יאָרן. און אַז מען געדענקט נאָך די רויִקייט, די אויסגעקלאָרטע ניכטערקייט און די געצוימטע התלהבותדיקע פֿרייד אין די לעצטע רגעס ביז דער רציחה איבער איר, ווי עס דערציילן עס עדי־

ראיה, פאַרשטייט מען ערשט וואָס פאַר אַ געוויסקייט און זיכערקייט עס האָט געלעבט אין איר, אַז דורך דעם לאָזן זיך מקריב זײַן העלפט מען מנצח זײַן דעם שונא און מען דער־נענטערט די גאולה.

אָט ווי ווונדערלעך קלאָר און העלזעעריש עדעלשטאַט טײַטשט אויס איר כוונה:

איך הער איר שטימע: „עס שרעקט מיך נישט דאָס הענגען,
ליבע מוטער! מיט מײַן טויט אַצינד
וועל איך מער דער פרײַהייט נוצן ברענגען,
ווי מיט מײַן לעבן! פאַרגיב דײַן אָרעם קינד!"

(ז' 115).

זי איז געווען דער סימבאָל פון ליבע צו פרײַהייט, אין איר איז געווען פערזאָניפיצירט די הייליקע טאַט, וואָס עדעל־שטאַט האָט זיי געוואָלט אויפוועקן אין דער מאַסע.

עדעלשטאַטס באַציִונג צו איר איז קלאָר. אונדז איז נאָר אַ חידוש פאַר וואָס קיינער האָט נישט געזוכט און נישט איינ־געזען איר השפעה אויף אים. אַז מען לייענט איבער דאָס ליד „סאָפיע פעראָווסקאַיאַ" דוכט זיך, ווי ער, עדעלשטאַט אַליין, וואָלט דײַטלעך געטײַטלט מיטן ווײַזפינגער: „זע אויף וועמען איך האָב זיך פאַרקוקט".

. . . אַ, הייליקעס געזיכט!
לאָז יעדער מענטש דיך אין זײַן האַרץ פאַרשליסן —
און, ווי די פרילינגסזון, וועסטו זײַן וועג באַגיסן
מיט בלומענדופט און ווונדערבאַרן ליכט!

(ז' 115).

איצט קאָנען די דאָזיקע פערזן אויסקומען באַנאַל, אָבער וויפל באַגײַסטערונג, קדושה און באַוווּנדערונג זיי טראָגן אין זיך! און אויך אַ דײַטלעכער רמז אויף לעבנסקראַפט און לעבנסהאָפט איז דאָ אין זיי. ווײַל די פרילינגסזון האָט פאַר אַ הויפט־אַרבעט אויסצוווארעמען די ערד און דעם אָרום, בכדי עס זאָל שפּראָצן, וואַקסן, בליִען און אײַנצואימפן אין די געוויקסן זאַפט און כוח אַרויסצוגעבן שפּעטער געזונטע

פירות, וואָס מאַכן מיגלעך צו אויפהאַלטן און באַוואָרן לעבן אויף דער ערד.

נאָר טאָמער קען עמעצן אויסוויזן, אַז דאָס איז מליצה, ווי ס'מאַכט זיך אָפּט אין היץ פון שאַפן לידער — כאָטש אין צופעליקייטן קען מען עדעלשטאַטן נישט חושד זײַן, — וועל איך אָפּשיקן צו דער שוין אַ פּאָר מאָל דערמאָנטער אויטאָ־ביאָגראַפישער דערציילונג „ווערא". אין די לעצטע שורות לייענען מיר אָט אַ די דאָזיקע גאַנץ ניכטערע ווערטער: „אויף דעם אַמעריקאַנער סאָציאַלן שלאַכטפעלד קען מען נאָך אַ מאָל באַמערקן דעם שאָטן פון אַ זשעליאַבאָוו 18), נאָר אומזיסט וועט איר זוכן אַ פונק פון אַ סאָפיע פּעראָווסקאַיאַ, אַ גײַסטרײַך בילד פון אַ ווערא" אאַז"וו (ז' 321).

טאַקע נישט קיין דיכטערין, נאָר גלאַט אַ מענטש. אַ פרוי, וואָס בלויז איר ממשותדיקער בײַשפּיל דורך פאַרשיי־דנאַרטיקע האַנדלונגען רעגט אָן, אינספּירירט און פאַרפליכט אָנצונעמען אויף זיך התחייבותן לגבי דעם ברודער מענטש מער ווי די געניאַלסטע שאַפונגען פון די געניאַלסטע דיכטער.

●

עדעלשטאַטן איז פּעראָווסקאַיאַ געבליבן אין זכרון צוליב נאָך עפּעס.

מיר ווייסן שוין פון פריִער די סיבות, וואָס האָבן אים געצוווּנגען צו שטעלונג און דערנאָך צו אַקציע. אַלזוי, די ערש־טע צוויי זענען פאַרבונדן און האָבן אַ דירעקטע שײַכות טאַקע צו דעם דאָזיקן קולמינירנדיקן עפּיזאָד אין דער גע־שיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. דערפון אויך דער באַשלוס צו פאַרלאָזן זײַן געבורטסלאַנד.

דער צאַריזם האָט זיך אַליין פאַרשטופּט אין אַ טעמפּן ווינקל, אָן אַן אויסוועג און אָן אַן אויסזיכט אַרויסצוקריגן זיך

18) אַנדריי זשעליאַבאָוו איז געווען סאָפיע פּעראָווסקאַיאַס חתן. ביידע זענען אומגעקומען צוזאַמען אויף דער תליה.

פֿון אים. זײַן אַכזריותדיקע באַציִונג צום פֿאָלק האָט דערבראַכט, אַז זײַנע אייגענע בעסטע זין און טעכטער — דאָס פֿרוכט פֿון זײַנע לענדן — זאָלן זיך אים האַרטנעקיק שטעלן קעגן. עס איז פֿאָרגעשטאַנען די געפֿאַר, אַז זיי זאָלן מיט זיך אויך מיטציִען דאָס גאַנצע אומצופֿרידענע פֿאָלק אין אַ מעכטיקן אויפֿברויז, אין אַ חרוב־מאַכיקער, אַלץ פֿאַרניכטנדיקער מרידה. אַנשטאָט צו זוכן בײַ זיך גופֿא, אין זײַן דעספּאָטיזם, די פֿאַראורזאַכער פֿון דער פֿאַרצווייפֿלטער לאַגע און זיך באַמיִען גוט צו מאַכן דאָס פֿעלערהאַפֿטע, דאָס פֿאַרקריפּלענדיקע, כּדי אַזוי אַרום זאָלן פֿאַרשווינדן די סיבות און גורמים — מאָרדט ער אויס און שיקט אויף פֿאַרלענדט צו ווערן זײַנע אייגענע קינדער, די וואָס וואָלטן מאָרגן געדאַרפֿט זײַן זײַנע ממשיך־זײַער. אָבער היות שוין מענטשלעך באַוווּסטזיניקע — וואָלטן זיי אַוודאי אָפּגעשאַפֿט דעם אײַנגעפֿונדעוועטן אַבסאָלוטיסטישן רעגירונגס־סיסטעם. און דאָ שטעקט די מניעה. דאָס האָט דער הערשנדיקער קאַסטע, בלי ספֿק, נישט געלוינט. נאָר עס איז שוין איצט נישט גענוג אויסצוראָטן זיי. די מאַסע איז שוין איבערגענומען און וועקט זיך. זי איז אויך יראת־הכּבֿודיק גערירט פֿונעם בײַשפּיל פֿון איערע פֿרײַוויליקע העראָישע פֿאַרטיידיקער.

דעם יוירנדיקן פֿאָלקסהאַס האָט מען געמוזט אָפּלענקען און אויף עפּעס אָנווענדן, כּדי די מענטשן זאָלן אויסלאָדן פֿון זיך דאָס שוין אונטערגעצונדענע אויפֿרײַסשטאָף. און דאָ איז גוט פֿאַר אַ צילברעט דער וועלטס אייביקער שעיר־לעזאזל: די ייִדן. אַ כוואַליע פּאָגראָמען אין די שטעט מיט אַ געדיכטער ייִדישער אײַנוווינערשאַפֿט דינט פֿאַר אַ בליץ־אָפּלייטער. די רעגירונג געפֿינט אויס אַ ביז גאָר ווירקיק מיטל צו דערגרייכן דעם ציל: שיכּורט אָן דעם אָפּגעשטאַנענסטן, נידעריקסטן המון, העצט אים אויף און פּראָוואָצירט צו בלוט־פֿאַרגיסונג, פּלינדערײַען. די פּאָגראָמען וועלן אין אָנגערייצטן המון־עם אײַנהעמען און פֿאַרדרענגען די צערייצטע אינסטינקטן, לעשן און אָפּטעמפּן די אויפֿגעוועקטע פֿײַערנדיקע געהירן. דאָס צע־

היצט-צעיושעטע בלוט וועט זיך אין די פּאָגראָמען אָפּקילן און איַינשטילן. און צוזאַמען מיט דעם וועט זיך אין די פּאָגראָמען אויך אויסוועפּן דער ווילן משנה צו זיַין דעם סדר. ס׳וועט זיך אָפּטאָן דער חשק צו שינויים בכלל.

דוד עדעלשטאַט זעט איינעם פון זיי מיט זיַינע אייגענע אויגן אין קיִעוו. דאָס איז אַן אונטערצי. ער דאַרף ערשט אַלט ווערן פּופּצן יאָר און די געשעעענישן ציִען זיך געקייטלטע איינס נאָך דאָס אַנדערע. זענען זיך ממשיך אין אַ כסדרדיקער קאָנטינויִטעט, אָן איבעררים און אין אַן אויגנבליקיקער שנעלקייט, אין דעם קורצן שטח פון צוויי חדשים. אין מערץ — דער אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער II; אין אַפּריל הויכן אוים אויף דער תליה זייער לעצטן אָטעם פינף פון די שענסטע לעבנס, טייל פון די, וואָס האָבן צוגעגרייט און האָבן געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד און אויך דורכגעפירט דעם אַטענטאַט, צווישן זיי אויך פּעראָווסקאַיאַ, די נשמה. און באַלד דערויף — מאַי — די פּאָגראָמען. דאָס לאַנד, וואָס איז ביז איצט תפיסה, ווערט אויך אַ שעכטהויז.

דאָס איז דער קולמינאַציע-פּונקט. ייִדן דאַרפן ראַטעווען דאָס לעבן. צווישן דער רוסלענדישער ייִדישער שטודירנדיקער יוגנט קומען אויף צוויי סאָציאַלע באַוועגונגען מיט איין און דעם זעלביקן ציל: עם-עולם און בילו. אין אַ קנאַפּ יאָר אַרום פאָרט עדעלשטאַט קיין אַמעריקע זוכן פריַיהייט.

וועט ער זי דאָרט געפינען? ווערט מקוים זיַין דערוואַרטונג?

דערויף ענטפערן שוין זיַינע לידער.

אָבער דאָרט ווערט ער דאָס, וואָס ער איז געוואָרן.

ריכטיקער: דאָס, וואָס ער איז געווען — טרוימער און בונטאַר.

מיר רעדן דאָ נישט וועגן עדעלשטאַטס קינסטלעריש־קייט. נישט דאָס איז בכלל די מאָס צו מעסטן עדעלשטאַטן. אָבער — איך טראַכט נישט איין מאָל, אַז די, וואָס האָבן אים פאַראורטיילט, האָבן דאָס געטאָן געשטיצט בלויז אויף אַ צוויי דריַי לידער, וואָס זיי האָבן צופעליק געהערט און נישט אַליין געלייענט. זיי האָבן זיך נישט געגעבן די מי אַליין אַרײַנצוקוקן אין זײַן בוך, ווו זיי, זײַנע מקטרג׳ים, וואָלטן פאַר זיך גופא אויך אפשר געפונען נוציקס אויף צו לערנען. על־כל־פנים: צו האָבן אַן אידעאַל, זײַן געטרײַ צו אים און לעבן פאַר אַן אידעאַל. אָבער זיי וואָלטן אין אים אויך אויס־געפונען אַ נישט געוויינלעכן ליריקער, מיט אַ וואַכן חוש און זעעוודיק אויג, מיט אַ גרונטיק פילנדיק האַרץ און אַ ביז גאָר עכט און זעלטן אויפריכטיק וואָרט 19). אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ געשטעלט צו דינסט אַן אומגעהײַערן אידעאַל אין לעבן: דעם אַנאַרכיזם, צוליב וועלכן ער איז מוותר אויף זײַן פּערזענלעך לעבן, ווי עס וואָלט נישט געהאַט קײַן שום ווערט, ווי עס וואָלט געווען אַ טפל אָדער ווי עס וואָלט בכלל נישט עקסיסטירט. ס׳איז, דוכט זיך, אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור נישטאָ נאָך אַזאַ בײַשפּיל פון איינעם אַ דיכטער וואָס זאָל אין זיך גופא פולשטענדיק פאַרגעסן און זיך אין גאַנצן אַוועקשענקען דעם אידעאַל.

די וואָס וואַרפן פאָר און זענען חושד עדעלשטאַטן אין נאַכלעסיקייט בשײַכות פאָרעם, אויסדרוק און וואָרט, באַ־גייען קעגן אים אומזיסט־אומנישט אַן עוולה. זיי טראַכטן אויף אים אוים בפועל־ממש אַ בילבול. משמעות, אַז מען רעדט אויף אויסגווייניק, מוז מען צו אַזוינס דערגיין.

19) זעז אין די הוספות דעם פערטן צוגאב (זז׳ 109־111).

אין זײַנע לידער זעט מען, אַז ער האָט יאָ מקפּיד געווען. קודם־כּל האָט ער דעם באַרוף צו זײַן דיכטער געהאַלטן פֿאַר אַ מלאכת־קודש. און דער אידעאַל איז אים פֿאַר אַוודאי און אַוודאי געווען אַ סאַנקטאַסאַנטאָרום. טאָ ווי האָט ער גע־קענט לאָזן לײַכט פֿון האַנט דאָס ליד, וואָס איז דער תמצית און אויסדרוק פֿון הייליקייטן ווי ס'איז דיכטער און זײַן אי־דעע? ער האָט נישט געקענט מאַכן אַ טפל דערפֿון, וואָס פֿאַר אים גופא איז געווען דער עיקר, די לופֿט צו לעבן.

נאָר אַז מען קוקט זיך צו צו די וואַריאַנטן, וואָס זענען פֿאַראַן צו עטלעכע לידער און מען זוכט נאָך די שינויים, וואָס ער האָט אין זיי געמאַכט בהדרגהדיק ביז צום ענדגילטיקן טעקסט — זעט מען ערשט באמת אײַן, אַז עס האָט אים שוין גאָרנישט געלאָזט גלײַכגילטיק דאָס אויסערלעכע אינעם ליד. ווען מיר פֿאָרשן נאָך, לויט אָט די וואַריאַנטן, ווי אַרום ער האָט געאַרבעט אין לאַבאָראַטאָריע — דערקונדיקן מיר זיך, אַז די מי איז כּסדר געווען לטובֿת דעם אַדעקוואַטסט וויר־קעוודיקן וואָרט, שטייגער און אויסדרוק. ביז אויסצוגעפֿינען עס. קלאָר, אַז בהסכּם מיט זײַן אייגענעם געשמאַק, אײַנזען און מיינונג. און באין־ברירה: צו האָבן אַ ווירקונג האָט דאָך דאָס ליד געמוזט האָבן אַלע נויטיקע אַקסעסואַרן און עפֿעקטן. נאָך מער, בעת מען וויל משפּיע זײַן צו אַזאַ הויכן אידעאַל, ווי זײַ־נער. און עדעלשטאַט איז דאָך נישט אויסן געווען עפּעס אַנ־דערש, ווי באַווירקן.

און דאָס קומט נישט פֿון דער העלער הויט. מען דאַרף אַרבעטן דערויף. און עדעלשטאַט האָט געאַרבעט און גע־שלײַפֿט. געאַרבעט שווער און ביטער. אָבער ער איז נישט געקינצלט, נאָר דירעקט, אוממיטלבאַר, און ער קליגלט זיך נישט, ווי אַ סך אונדזערע פּאָעטן עסטעטן, וואָס האָבן אים באַרעדט און פֿאַרלוימדט, פּונקט ווי די אידעע, וואָס ער האָט געוואָלט זען פֿאַרווירקלעכט אין לעבן, איז באַרעדט און פֿאַר־לוימדט געוואָרן.

זײַן אידעע איז געווען זײַן איינציקע דולצינעע אין לעבן,

זײַן איינציקע גרויסע ליבע. פאַרקערט: מען דאַרף באַוווּנ־דערן ווי קאָנסעקווענט געטרײַ איבערגעגעבן ער איז צו זײַן אויסגעחלומטער געליבטער. ער לאָזט זיך באַאינספּירירן פון דער נאַטור, פון לעבן, פון געשעענישן, פון אויסנעמיקע פּער־זענלעכקייטן, איידעלע טאַטן, הויך־ און גרויס־מוטיקע קעמ־פער, מסירת־נפשדיקע מאַרטירער און נאָך אַנדערע אָביעקטן, אָבער ער נוצט אַלץ אויס פאַר איין זאַך. ווו ער זאָל נישט אָנהייבן, וועגן וואָס און פון וואָס — אַלץ צילט צו זײַן דזשו־ליעט: אַנאַרכיזם, וואָס איז פאַר אים געוווען דער אידעאַל פון אידעאַלן.

און אפשר נעגירן אים זײַנע פּאַרניינער, מחמת די פאָדע־רונגען, וואָס ער שטעלט זיי — די דיכטער און פען־מענטשן — זענען צו מתחייבדיק און זיי פילן זיך נישט קאַפּאַבל זיי דורכצופירן?

לערנט די מענטשן צו זאָגן דרײַסט,
וואָס זיי דענקען, האַסן און ליבן.

(„צו די יידישע שריפטשטעלער", ז' 37)

און ווײַל דאָס אמתע שליחות דעם שרײַבערס — לויט ווי ער פאַרשטייט עס און פאָדערט אָנאָפּהאַלטיק און אָן וואַקלע־ניש עס צו רעאַליזירן — איז איבער זייערע כוחות און מיג־לעכקייטן?

זײַט פאַר דעם פאָלק ליכטיקע שטערן
אין דער פינצטערער שקלאַפן־נאַכט,
באַלײַכט זײַנע קייטן, ווונדן און טרערן,
דערוועקט אין אים האָפנונג און מאַכט!

(דאָרט, ז' 38).

דאָס דאָזיקע נישט זײַן בכוח צו לייזן די אויפגאַבעס, וואָס ער פאָרגיט, מאַכט זיי זיך פילן לגבי אים שפּלדיק, שוואַך, אָנ־מאַכטיק. און כדי צו פאַרדעקן די שיפלות, צעשראָקנדיקייט און נעבעכדיקייט — זוכט מען אים צו פאַרמינערן, פאַרניינען. בו, אַ סך מיינען, אַז מיטן פאַרלייקענען דעם צווייטנס ווערטי־

קייט, העכערקייט, אָדער דורך אויסגעפינען ביי יענעם שוואַכ־קייטן, וואַקסט מען אַליין אין באַדייטונג און חשיבות. אויף אָפּצונאַרן דעם אייגענעם באַוווּסטזיין אויף דער ווייל, איז דאָס נישקשה פון אַ מיטל... אָבער צי קאָן מען טאַקע אין דער ווירקלעכקייט דערמיט עפּעס פּועלן?

מען דאַרף זיך נישט חידושן פאַר וואָס זיי האָבן זיך נישט געפילט ביכולת דורכצופירן די התחייבותן, וואָס ער לייגט אויף זיי אַרויף (און וואָס עס צווינגט אַרויף דער דיכטער־באַרוף). ווייל וואָס האָט ער אַלץ נישט פאַרלאַנגט פונעם שרייבער?

פאַרקייף נישט דיין פעדער! אין קעלט און אין הונגער,
פאַראַכטעט, פאַרלוימדעט, פאַרפאָלגט —
בלייב טריי דיין געוויסן, אויפן שוועל פון קבר
זינג צו דיין ליידנדן פאָלק!

(ז' 41, לעצטע סטראָפע פון „דיכטער און מוזע", זז' 38־41).

ס'איז באמת פחדימדיק פירכטלעך און אָפּשרעקנדיק. און אָט דאָס קען, גיכער פון אַלץ, זיין די סיבה. ס'איז אַן ענין טאַקע פון געוויסן. עדלשטאַט האָט געשוועבט פאַר זיי ווי אַ מאָנענדיקער און אויפפאָדערנדיקער גייסט, וואָס מאַטערט און לאָזט נישט צו רו דעם געוויסן. און אויף אָפּצוּוועקסלען דעם פחד און דאָס אומבאַקוועמע — איז פאַרלייקענונג אויך עפּעס ווערט. פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען זיך משער, אַז דאָס קלעקט. וואָרעם מיט אַן אַוועקמאַך מיט דער האַנט איז אַלץ גרינג אָפּ־צופטרן און ס'איז לייכט צו מיינען, אַז דערמיט איז מען שוין מנצח דעם „באַלעסטיקער". בכל־אופן, איז עס גרינג איינצור־רעדן זיך. פאַרדעקן, ווי אין קאַמופלאַזש, אָדער וועלן פאַרווישן אַליין נישט אָנצווזען די אייגענע אומפעיקייט צו שטעלן זיך אויף דער געפאָדערטער הייך — איז אַ גוטע תרופה כאָטש אויף אַ קורצער היי־שעה.

אָבער פאַר וואָס די שרעק? אַז פאַרלאַנגט האָט ער נישט פון קיינעם מער ווי דאָס וואָס ער האָט צודרינגלעך געפאָ־

דערט פון זיך גופא. אַ ראַיעלער און באַגלייבטער עדות איז ער אַליין — זײַן אייגן לעבן.

לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז די ייִדישע דיכטונג האָט נאָך יעמאָלט ערשט געהאַלטן בײַם געבוירן ווערן. און לאָמיר געדענקען, אַז עדעלשטאַט האָט פריִער קיין ייִדיש נישט געקענט. אָבער אַפילו אַזוי, מיט וואָס איז ער בשעתו געווען הינטערשטעליקער לגבי אַנדערע? אפשר גראָד פאַרקערט? דער אידעאַל האָט געמאַכט, ער זאָל אַ סך מיכשולים גובר זײַן. און אויך דעם. צוליב דעם אידעאַל האָט ער זיך קעגנגעשטעלט אַן אָנצאָל הינדערנישן, און זיי אַלע בײַגעקומען. (בלויז דעם קראַנק ווערן האָט ער זיך נישט קעגנגעשטעלט — איז ער עס טאַקע נישט בײַגעקומען. ווען מען האָט זיך געכאַפּט אויף דער סכנה וואָס עס שטייט פאַר, איז שוין געווען צו שפּעט). להיפוך: מיר וואָלטן זיך גאָר געדאַרפט פילן געהייבן, וואָס ערב דעם — ניין, בעת דעם — בראשית פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז געשטאַנען אַזאַ זעלטענע, נישט געוויינטלעכע אידעאַליסטישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געזונגען וועגן פאָלקס גרונטיקסטע לײַדן און פּײַנען און די יסודיקסטע באַדערפעניש, געקעמפט פאַר זײַן דערהויבנדיק אויסגעלייזט לעבן און זיך געמיט אַרויסצורופן אין אים פליכטיקע מאָראַלישע געהייבנקייט פּעיִק צו זײַן אײַנצופירן פולע פרײַהייט, אומקאָנדיציאָנעלע, לטובת דעם מענטשן־מין.

●

וואָס פאַרא גבורה עס האָט געשטעקט אין אים!

מיט דעם טרויעריקן בילד פון דער ווירקלעכקייט פאַר די אויגן, מיט זײַן אייגן טרויעריקן לעבן און אַפילו פּנים־אל־פּנים מיטן טויט — פון דעסטוועגן האָט תמיד און כסדר געלעבט און געאָטעמט אין אים צוטרוי און אָפּטימיזם. ער האָט געהאַט צוטרוי צום מענטשן, צום מענטשן־מין בכלל. האָט געגלויבט אין דעם בן־אָדמס נאַטירלעך אײַנגעבוירענער גוטסקייט, אין זײַן גרונטיק פאַרוואָרצלטער ערלעכקייט. האָט

געטרויט זײַנע כוונות און הויך געשאַצט זײַנע מיגלעכקייטן. כאָטש ער איז אויך נישט געווען פאַרבלענדט אײַנצוזען זײַנע שוואַכקייטן און זיך נישט גענאַרט אין זײַנע כוחות. און ער האָט געקענט פאַר די שוואַכקייטן האַרב און בייז אויסרעדן און שטראָפן. די דאָזיקע אָפנהאַרציקייט און אומצווייפלדיי־קייט האָבן געלאָקט און געצויבערט. דאָס דערהייבט, דאָס מו־טיקט. דאָס וועקט צוטרוי צו זיך. דערמיט ציט מען צו און — מען געווינט.

און ער איז אַרײַנגעדרונגען דערפאַר אין די געמיטער, אין די הערצער, אין די נשמות און געווונען די געמיטער, די הער־צער און די נשמות. מען האָט אים געגלייבט און געהאַט צו־טרוי צו אים, און מען האָט אים געטרויט אָנתנאַיִיק. און אַזוי אַרום האָט ער געקענט ווערן לעגענדע. לעגענדע — בעתן לעבן נאָך, און אַוודאי נאָכן טויט.

Veni, vidi, vici (כ'בין געקומען, געזען, געזיגט).

די באַרימטע דרײַ ווערטער, — מיט וועלכע יוליוס צע־זאַר (להבדיל אלף הבדלות) האָט אַזוי גדלותדיק אויסגעדריקט זײַן סיטואַציע נאָך אַ שנעלן נצחון אויפן שלאַכטפעלד — פּאַסטן זיך צו עדעלשטאַטן אומפאַרגלײַכיק. ער אַליין וואָלט זיי געמעגט דרײַסט האָבן געזאָגט וועגן זיך. ווײַל אויב עס גייט אין באַרימען זיך פאַר גרויסע ווערטיקע אויפטוען — און גרויסע אויפטוען מיינט פאַר אונדז בלויז דאָס, וואָס איז נאָר לטובת דעם מענטשן און נישט לרעה אים, לטובת דעם ווויל־זײַן פון דער גאַנצער מענטשהייט, אַרײַנגערעכנט אָן אויסנעם אין כלל יעדן יחיד באַזונדער, וואָרעם אַלע איינצלנע צוזאַמען שטעלן צונויף די מענטשהייט און יעדער איינער אין דאָזיקן צונויפגעזאַמל האָט אַלצאיינע רעכטן צו געדײַען און צו גע־ניסן פון אַלדאָס פאַראַנענדיקס; גרויסע אויפטוען מיינט קאַמף נישט כדי צו צעשטערן, נאָר בכדי צו בויען און שאַפן נוציקס, נישט כדי צו פאַרשקלאַפן, נאָר צו באַפרײַען, נישט כדי צו אונטעריאָכן, צו באַרויבן און פאַרשאַפן דחקות, נאָר כדי צו דערמעגלעכן אַ שפע און אַ גערעכטן גלײַכן פאַרטייל; נישט

צו פאַרטעמפּן די מוחות, נאָר אויפצוקלערן, מאַכן פאַרשטיין; — אויב עס גייט אין דערין — האָט עדעלשטאַט געהאַט מער פון צעזאָרן מיט וואָס זיך איבערצונעמען... כאָטש ער האָט גע־הערט צו די סאַמע נידעריקע שיכטן אין דער אַרויפגעצוווּנ־גענער קלאַסן־צעטיילונג פון דער מענטשהייט און יענער האָט דערגרייכט די סאַמע העכסטע שטאַפּלען אין דער דאָזיקער חלוקה.

נו, געוואָלט האָט ער איין קליינינקייט. נישט מער און נישט ווייניקער, ווי — לויט ער זאָגט עס אין רוסישן ליד Идеалы (20:

Все человечество святое
В одну семью родную слить.

די גאַנצע הייליקע מענטשהייט
צונויפגיסן אין איין לייבלעכער משפחה.

●

אויף עדעלשטאַטן איז ווי אַנגעמאָסטן זיין מיטצייט־לערס, סעמיאָן יאַקאָוולעוויטש נאַדסאָנס (1862 — 1887) זאָג וועגן זיך:

Как мало прожито, как много пережито...

ווי ווייניק נאָך געלעבט, ווי פיל אַדורכגעלעבט שוין.

אין זיי ביידן איז דאָ עפּעס געמיינזאַמס. פאַראַן אַ סך מאָמענטן, וואָס מאַכן ענלעך זייערע לעבנס און די השפּעות אויף דעם אַרום. ענלעך ביאָגראַפיש, פיזיש און גייסטיק. נו, קינדער פון איין ערד און איין צייט — וועט מען אפשר זאָגן. נאָר דער אַ ביסל יינגער געשטאָרבענער אָבער מער מזלדיקער נאַדסאָן, מזלדיק (דורך אַלע פורעניות) אין אַ סך הינזיכטן און אויך פּראָדוקטיווער — בלייבט ווייט, ווייט הינטער־שטעליק לגבי דער אידעאַלן־וועלט פון זיין יידישן לאַנדסמאַן,

20) אין דער שוין דערמאָנטער מאָסקווער „עמעס"־אויסגאַבע, זז' 84־85.

וואָס איז אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון זײַן נאַטירלעכער סביבה און געדאַרפֿט בײַטן די שפּראַך אין אַ לאַנד, וואָס האָט גע־האַט אויך אירם אַן אייגן לשון, וואָס דער נײַער צוואַנדערער איז געווען נישט ווייניק מחויב איבערצונעמען און צו פֿאַר־אייגענען. דעם הויפּט־חילוק צווישן זיי קען מען אײַנזען אין דעם ליד, וואָס עדעלשטאַט האָט פֿרײַ איבערגעזעצט אָדער פֿרײַ איבערגעדיכט און הייבט זיך אָן בײַ נאַדסאָנען מיט די ווערטער: Нет, муза, не зови! און בײַ עדעלשטאַטן: „אָ, מוזע, רוף מיך נישט!", באַקאַנט אונטערן טיטל „דער אָונט־גלאָק" (זז' 143־144). די איבערדיכטונג האָט ער גע־מאַכט שוין אויפֿן טויטנבעט.

נאַדסאָן דריקט אויס אַ פּערזענלעכן סענטימענט: באַ־דויער אויפֿן בקרובדיקן נישטאויסמײַדיקן טויט, צו וועלכן ער איז פֿאַרמישפּט, און פֿאַרדרוס, וואָס ער וועט נישט קע־נען זינגען און לויבן מער און ליב האָבן דאָס פֿאָטערלאַנד און פֿאַרטיידיקן עס, ווי אַ „היטערישער הונט", קעגן שונא, און מאַכן אַז אויך אַנדערע זאָלן עס ליב האָבן. אַ באמת רירנ־דיק און רעספּעקט־ווערטיק געפֿיל. עדעלשטאַט, ווידער, אין אפשר אָרעמערע פֿערזן, ווי נאַדסאָנס, וויל אויך לעבן, ...„עס ווילט זיך טרוימען, זינגען" אָבער — כדי צו „קעמפֿן קעגן יעדן שקלאַפֿנצוואַנג".

איך וואָלט געוואָלט, אַ פֿאָלק, דײַן רויטן זעגל
נאָך מאַכן רויטער מיט מײַן הארצנס בלוט...
און, ווי אַ לייב מיט זײַנע שאַרפֿע נעגל,
דײַן פֿײַנד באַקעמפֿן מיט שטאָלצן העלדנמוט!

(ז' 144).

און ווען עדעלשטאַט רעדט וועגן פֿאָלק, מיינט ער דער־מיט דעם רוב מנין ורוב בנין פֿון דער באַצוווּנגענער לײַדנדי־קער מענטשהייט.

אָט דאָ איז דער אונטערשייד צווישן ביידן. בײַ איינעם הכנעה, בײַם צווייטן — קוראַזשיקע דערוועגטקייט; איינער

— היטערישער הונט פון זײַן לאַנד, דער צווייטער — באַקעמפער, ווי אַ לייב, מיט שטאָלצן העלדנמוט פון דער מענטשהײַטס שונא.

דאָס איז דער חילוק, כאָטש נאַדסאָן איז אָנגעגאַנגען ווי אַ געטרײַער יורש פון די שענסטע ליבעראַלע אידעען און טראַדיציעס אין רוסישן לעבן און געדאַנק און האָט אָפּטלעך גערעדט וועגן זיי אין זײַן אָנגעפּוישטן, הויך־טאָניקן, קלאָגערישן ליד. און אויך, ווי אַן אָפּשטאַמיקער פון ייִדן, האָט ער געהאַט פאַרן אויג דעם תנכישן נביאס פאַר יושר קעמפעריש וואָרט.

און ער וואָלט אויך געקענט, עדעלשטאַט, מיטזאָגן מיט זײַן פריִער־דוריקן לאַנדסמאַן ניקאָלאַי אַלעקסעיעוויטש נעקראַסאָוון (1821 — 1878) דעם פערז:

Мне борьба мешала быть поэтом,

„מיך האָט דער קאַמף געשטערט צו זײַן אַ דיכטער",

וואָס, ווען ער זאָגט אים, וואָלט ער בלויז קאָנסטאַטירט אַ גרויסן נישט־אָפּפרעגיקן אמת לגבי זיך גופא. אָבער דאָס וואָלט גאָרנישט געווען לגנאַי אים ווי אַ פּאָעט.

עדעלשטאַט האָט זיך זיכער בײַ נעקראַסאָוון געלערנט זען דאָס לעבן און צו שאַצן, וואָס עס איז גערעכטיק און וואָס נישט, פּונקט ווי ער, נעקראַסאָוו, האָט עס אַ סך געמאַכט זען און דערפאַר געוואָרן אָנגענומען בײַ דער שענסטער טייל פון דער אידעאַליסטישער רוסלענדישער יוגנט, ווי דער ריכטיקער שילדערער פון דער אונטערדריקטער, באַגזלהטער און דערנידעריקטער אָרעמשאַפט.

צו וויסן ווי הויך מ'האָט נעקראַסאָוון געשטעלט בשעתו, וועט זײַן גענוג צו דערמאָנען דעם עפּיזאָד בײַ זײַן לוויה. בעת דאָסטאָיעווסקי האָט אים מספיד געווען בײַם פרישן קבר און פאַרגליכן דעם מת צו פּושקינען און לערמאָנטאָוון, האָט אַ סטודענט פון צווישן עולם אויסגערופן: „העכער פון

פּושקינען און לערמאָנטאָוון!". דאָס באַווייַזט גענוי די באַציִונג צו אים. פאַרשטיין וואָס דאָס באַדייַט קענען בלויז די, וואָס ווייסן, וואָס די צוויי געניאַלע דיכטער שטעלן מיט זיך פאָר אין דער רוסישער ליטעראַטור און ווי פאַרגעטערנדיק גרויס עס איז צו זיי די ליבע מצד דעם פאָלק.

אָבער ער וואָלט אויך געקענט, עדעלשטאַט, צוזאַמען מיט נעקראַסאָוון טאַקע איבערחזרן די לעצטע סטראָפע פון דעם זעלביקן שיר, פון וועלכן מיר האָבן נאָרוואָס ציטירט:

Кто служа великим целям века
Жизнь свою всецело отдает
На борьбу за брата-человека,—
Только тот себя переживёт.

ווער ס'דינט די גרויסע צילן פון יאָרהונדערט,
ווער ס'לעבן זייַנס לגמרי גיט אַוועק
אויף צו קעמפן פאַר דעם מענטשן-ברודער —
בלויז נאָר ד ע ר לעבט איבער זיך אַליין.

אָקטאָבער-דעצעמבער, 1952

הוספות

ערשטער צוגאָב

— — — — מײַן מוזע — — — — —
זי וועקט, זי רופט מיט אַ קריגס־טראָמפּעט
שטורעם־לידער קען זי נאָר זינגען
מיטן פײַער פון אַן אַלטן פּראָפעטן

דאָס זענען פערזן פון אַ ליד — „מײַן מוזע“, ז׳ 45 — געשריבן שוין האַרט פאַרן שטאַרבן. יערנפאַלס פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל אינעם לאָנדאָנער „אַרבעטער־פרײַנד“ פון 9טן סעפּטעמבער 1892, ד״ה: אַ חודש מיט אַכט טעג פאַרן אויסהויכן די נשמה. דער לעצטער פערז איז אַ פאַרזיכערונג, אַז זײַן מוזע —

זי בלײַבט ביז איר טויט אויף איר הייליקן פּאָסטן!

אַז ער איז עס געבליבן ביזן סוף, דערויף ווײַזן אָן זײַנע לידער פון יענער צײַט. מען קען זיי אַלע כמעט דערקענען, אַפילו אָנדײַטן אפשר זייער כראָנאָלאָגישן סדר, אויב זיי זענען אונדז נישט באַקאַנט לויט די ערשטע אָפּדרוקן פאַרן דיכטערס לעבן נאָך.

צו באַקרעפטיקן אונדזער פריִער אַרויסגעזאָגטע מיינונג (זז׳ 10־11), וואָס זי איז עס דער גורם פון דעם דאָזיקן צוגאָב, וועלן מיר דאָ דערמאָנען לדוגמא דאָס ליד מיט דעם כמעט זעלביקן נאָמען ווי דאָס שוין אויבן ציטירטע: „צו דער מוזע“ (זז׳ 204־205), געשריבן מסתמא כמעט אין די זעלביקע טעג, אָבער פאַרעפנטלעכט ערשט אין יאָרן אַרום נאָכן דיכטערס טויט. פאַראַן, אַגב, פון יענער צײַט עטלעכע לידער, ווענדונגען צו דער מוזע, און ביז גאָר כאַראַקטעריסטישע. מען קען פאַרשטיין, אַז די קראַנקײַט (אָבער נישט ווייניק האָט דאָ באַווירקט און צוגעשפּילט דעם אַרבעטערס לאַגע און די וועלט־סיטואַציע) האָט אים נישט איין מאָל אַרויפגעפירט אויף אומעטיקע און פּעסימיסטישע מחשבות. טרײַבט ער פון זיך די מוזע, נישט צו דאַרפן שרײַבן קײַן לידער, וואָס זאָלן חס וחלילה אָפּהענטיקן.

. . . וואָס קען העלפן מײַן טרויער־ליד
מײַנע אָרעמע שוועסטער און ברידער? (ז׳ 204)

— פרעגט ער, ווען ער ווייסט, אַז

. . . גרויס איז מײַן טרויערן אַ גיפּטיקע שלאַנג
לעבט אין דײַן אָרעמען זינגער;
איך פיל ווי זי זיצט אין מײַן יעדן געדאַנק,
זי שרײַבט איצט מיט מײַנע פינגער. (ז' 205).

ער וויל זיך נישט לאָזן באַוועלטיקן פון די פינצטערע רעיונות און שטימונגען — דעם טרויער, די „גיפּטיקע שלאַנג" — ווערט ער זיך קעגן זיי, לאָזט זיך נישט באַצווינגען. אָבער אין דער רגע, ווי נאָר ער דערפילט זיך נישט בכוח גובר צו זײַן זיי, יאָגט ער פון זיך די מוזע, לאָזט זי נישט צו. בעט זיך:

און מיך, מיט מײַנע קייטן און וואונדן,
מיך לאָז אויף אַ ווײַלע אַליין. (דאַרט).

אַ שטאַרקערע באַשטעטיקונג אויף אונדזער מיינונג איז אַ ליד, וואָס איז געבליבן עטלעכע און פערציק יאָר אין כתב־יד און געוואָרט אויף אויסלייזונג. ביז זי איז לסוף געקומען. און איצט דינט זי אונדז פאַר אַן עדות און באַווײַז. אין אַלץ איז ניכר, אַז עס איז געשריבן אויפן טויטנבעט. אָבער דער טאָן איז דאָ אַ הײַטערער און אויך די שטימונג איז אַ לינדע, כאָטש דער דיכטער ווייסט, אַז דער לעבנס־איבעררים איז אומפאַרמײַדלעך און שוין גאָר נאָנט. פון וואַנען נעמט זיך די הײַטערקייט? ווײַל דער דיכטער איז באַוווּסטזיניק אויף דעם שליחות, וואָס אויף אים איז אויסגעפאַלן דורכצופירן, און ווייסט, אַז ער האָט עס געטאָן ווי נאָר מיגלעך גוט. — אָט איז דער תוכן: די מוזע טרויערט, וויינט, ווײַל זי זעט איר באַשערטנס גיכן סוף. אָבער אונדזער דיכטער, איר זיווג, שטילט זי אײַן, באַרויִקט; טרייסט זי, אַז עס קען נישט שטאַרבן דער, וואָס האָט זיך פולשטענדיק איבערגעגעבן דעם פאָלק. ווען דער טויט וועט אַפילו קומען און אים צונעמען צו זיך, בלײַבט ער אַלץ איינס לעבן: זײַן גײַסט וועט דעמאָלט אַרומשוועבן אויף אָדלער־פליגל צווישן די באַצווונגענע און זיי מונטערן און וועקן און אויפהאַלטן זיי וואַך, און די מוזע וועט זיי זינגען לידער וועגן פרײַהייט. ער ווייסט אויך צו פאַרזיכערן, אַז כל־זמן מענטשן וועלן זיך פּלאָגן אין פרעמדן יאָך, וועט ער לעבן דורך זײַן שטורמענדיקן ליד און אַזוי אַרום וועט ער ממשיך זײַן טאָן זײַן שליחות. וואָס נאָך קען די מוזע פאַרלאַנגען? אָט איז דאָס גאַנצע ליד:

מוזע טײַערע, נישט וויין,
קען דען אויפהערן צו לעבן
דער, וואָס האָט דעם פאָלק זײַן קרויז,
האַרץ און זעלע אָפּגעגעבן?

װען דער טויט װעט אויך זײַן זיגל
לייגן אויף מײַן מויל, זײַ דרײַסט!
צווישן פֿאַלק אויף אָדלער־פֿליגל
װעט אַרומשװעבן מײַן גײַסט

און ביז װאַנען עס װעט קלינגען
ערגעץ װוּ אַ שקלאַפֿנקייט,
װעסטו פֿרײַהייטס־לידער זינגען
און באַזינגען 1) צײַט און טויט.

און ביז װאַנען עס װעט פֿאַלן
ערגעץ װוּ אַ שקלאַפֿנטרער,
װעט מײַן שטורעם־ליד אויפֿשאַלן!
מוזע, זאָג, װאָס װילסטו מער? 2)

נאָר נאָך מער פֿאַרפֿעסטיקט אונדזער מסקנאדיקע מיינונג, װאָס דאָ װערט אַרויסגעבראַכט, דאָס ליד „צום קעניג טויט" (ז' 166), געשריבן אַ דרײַ־פֿיר טעג פֿאַר דעם אַװעקגיין אין דער אייביקייט אַרײַן. ס'איז מסתּמא דאָס לעצטע ליד װאָס איז אַרויס פֿון אונטער זײַנע הענט און באַװוּסטזײַן. עס מאַכט דעם אײַנדרוק, װי דער דיכטער װאָלט געזען דעם מלאך־המוות פֿאַר זיך לעבעדיק שטיין און דערבײַ אויף זיך געפֿילט דעם אָטעם זײַנעם, — און ער שטעלט זיך אים קעגן. לייגט אויס, אָן פּחד, פּשוט, קלאָר און דרײַסט די טענות זײַנע פֿאַר װאָס ער, דער טויט, דאַרף אים נאָך לאָזן לעבן.

אַװעק, אַװעק, שװאַרצער שאָטן,
דו קעניג־טויט, האַלט אָפּ דײַן שװערד!
איך זע נאָך פֿיל, פֿיל נאָבלע טאַטן
פֿאַר מיר אויף אונדזער שקלאַפֿן־ערד!

1) דאָ בעט זיך עס זאָל זײַן „באַזיגן". אפֿשר איז טאַקע אין כּתב־יד „בשׂיעגען" אַנשטאָט „בעזינגען"? אָדער אפֿשר שטייט דאָרט געשריבן „בע זיננען", ד"ה אַרײַנגעבן אַ זין, אַן אינהאַלט, אַ תּוכן?

2) מיר האָבן אין טעקסט געענדערט די אָרטאָגראַפֿיע און די דײַטשמעריזמען: מויל אַנשטאָט מונד, ערגעץ אַנשטאָט אירגענד, אויפֿשאַלן אַנשטאָט ערשאַלען. — מיר דרוקן דאָס ליד איבער פֿון דער אויסגאַבע פֿון פֿאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1935. עס געפֿינט זיך אין אָפּטייל „לידער, װאָס זענען ניט געדרוקט געװאָרן (פֿון ערעלשטאַטס מאַנוסקריפּטן)", אויף ז' 306; עס טראָגט איבער זיך דעם נ' 3 פֿאַר אַ צייכן און דרײַ שטערנדלעך װי אַ טיטל.

איך בין נאָך יונג, איך וויל פּרובירן
אין קאַמף זיך שטעלן אויף דאָס נײַ;
מיט נײַע קרעפטן אַטאַקירן
אוממענטשלעכקייט און טיראַנײַ.

און אויב איך טרוים, אַן קאַלטער קעניג,
אַ, לאָז מיר ענדיקן מײַן טרוים;
איך האָב געלעבט נאָך זייער ווייניק,
און האָב נאָך צײַט צו גיין אַהיים!

איך וועל נאָך קומען אויף דעם 3) אינדזל,
דאָך איצט, טויט־קעניג, זײַ ניט ווילד,
ניט רײַס אַרויס פון האַנט מײַן פּענדזל
און לאָז מיך ענדיקן מײַן בילד!

אַן איבעריקע באַשטעטיקונג איז „מײַן לעצטער ווונטש“ (ז' 163).

מיך שרעקט נישט דער טויט — מיך שרעקט דער געדאַנק
צו שטאַרבן אויף אַ קראַנקנבעט;
מײַן לעצטער ווונטש, מײַן לעצטער פאַרלאַנג איז: 4)
דאָס שלאַכטפעלד זאָל זײַן מײַן טהרה־ברעט!

ניט ווי די פאַרמאַטערטע, שוואַכע שקלאַפן,
ניט ווי אַן אָפּפער פון עלנט און נויט, —
ניין! אין דער האַנט מײַן פאָן, מײַן וואָפן,
קעמפנדיק וויל איך באַגעגענען דעם טויט!

ניט אונטערן געוויש פון פאַרשפּעטיקטע טרערן, —
ניין! אונטערן פרײַהייטס דונער־קראַך,
וואָס וועט אַלע קייטן און טראָנען צעשטערן,
וויל איך שטאַרבן מיט אַ שטאָלצן לאַך!

זען אויך „דער אומגליק“ (זז' 143־144), די טיילווײַז פרײַע איבערדיכטונג פון נאַדסאָנס אַ ליד. אויף אַן אַנדער אָרט אין אונדזער אַרבעט, אויף ז' 92, איז גראָד דאָ אַ גערייד וועגן דעם ליד, אָבער דער מאָטיוו, וואָס באַוועגט עס אונדז צו קאָמענטירן, איז דאָרט אַן אַנדערער ווי דאָ.

3) ווי עס אינפאָרמירט אַ באַמערקונג אין דער „עמעס“־אויסגאַבע (ז' 268), איז אין מאַנוסקריפּט געשריבן ד ײַ ן און נישט ד ע ם, ווי עס איז געדרוקט.

4) אין אַ וואַריאַנט צום ליד, געדרוקט אין דער „עמעס“־אויסגאַבע, ז' 267, לייענט זיך דער דאָזיקער פערז אַזוי:

אַ, שיקזאַלן פאַרשפּאַט ניט מײַן לעצטן פאַרלאַנג...

צווייטער צוגאָב

י. ל. פרץ באַציט זיך אויף דעם זעלביקן עפּיזאָד אין זײַן אַרבעט „וועגן וואָס פירן אָפּ פון ייִדישקייט" (אין בוך „געדאַנקען און אידעען", ז' 77, אויסגאַבע פון ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין), הגם ער פאַרבײַט דעם נאָמען ט י ר ט אַ י אָ ס אויף פּ י נ ד אַ ר, וואָס דאָס איז דער נאָמען פון אַן אַנדער גריכישן פּאָעט. פינדאַר האָט געלעבט ווײַט אָפּגערוקט אין צײַט פון טירטאַיאָסן: אַן ערך צוואַנציק יאָר אין זעקסטן י"ה און די איבעריקע אַרום זעכציק יאָר אין פינפטן י"ה פּ"ק (עס איז אָנגענומען אַז ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 80 יאָר). און אויך דאָס שאַפן פינדאַרס איז געווען פון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער און זשאַנער, ווי טירטאַיאָסעס.

קיין דירעקטע שײַכות צו מלחמה און בכלל צום עפנטלעכן לעבן — געזעלשאַפטלעך און פּאָליטיש — האָט פינדאַר נישט געהאַט, הגם בשעתו זענען פאָרגעקומען די באַרימטע מעדישע מלחמות, וואָס האָבן געשטעלט, קען מען זאָגן, אין קאָן גאַנץ גריכנלאַנדס עקסיסטענץ. און גראָד אין אָט די מלחמות האָט פינדאַרס געבורטסשטאָט ט ע ב ע ן, דורך איר הערשנדיקן שיכט — דער אַריסטאָקראַטיע — פאַרראַטן העלאַדעס אינטערעסן. די טעבאַנער מושלים האָבן געעפנט די טויערן פון שטאָט פאַר די געפערלעכע אָנגרײַפערס, די פּערסן, און זיך פאַראייניקט צו זיי צום שאָדן פון די אייגענע ברידער און דעם גאַנצן לאַנד. די אַריסטאָקראַטן האָבן עס מסתמא — ניין, געוויס און זיכער! — געטאָן להכעיס דעם דעמאָקראַטישן אַ ט ע ן, וואָס איז טאַקע אין סאַמע אָנהייב געשטאַנען איינער אַליין אין פאַרטיידיקונגס־קריג. און פינדאַר איז געווען אַ זון פון דער אַריסטאָקראַטיע און איז געבליבן אַ גאַנץ לעבן געטרײַ זײַן אָפּשטאַם־קלאַס.

אָט אָ די פאַררעטערישע סיטואַציע האָט יאָ דערבראַכט פינדאַרן אין אַ געוויסן מאָמענט אַרויסצוגיין פון זײַן צוריקגעצויגנקייט. אָבער נישט דאָס דערציילט אונדז פּרץ. און, אַגב, האָט ער־

אויך דעם דאָזיקן עפּיזאָד נישט געקאָנט נעמען פאַר אַ בײַשפּיל. ווײַל אָט: ווען אין טעבען איז אויסגעבראָכן אַ קאַמף צווישן דעם פרײַהייט־ליבנדיקן טייל פאָלק און די וואָס האָבן זיך איבערגעגעבן דעם באַרבאַרישן שונא, און דער בירגערקריג האָט געדראָט חרוב צו מאַכן די היים־שטאָט — האָט פּינדאַר גערופן די באַפעלקערונג צו באַזינען זיך, צו שלום און צו אײַנפאַרשטייעניש. בעצם איז פּינדאַרס טאַט, בעת די פּאַסירונגען גופא האָבן זיך אָפּגעשפּילט, אפשר פאַר זיך אַליין אַ געוואַגטער. אָבער אין טעבענס ווירקלעכער לאַגע, מחמת דער האַנדלונג פון אירע רעגירער — ווי קען מען אויסטײַטשן אַזאַ רוף און שטעלונג? מיר קענען דאָ נישט מאריך זײַן אַרום דעם, ווײַל דירעקט צו אונדזער ענין האָט עס נישט צו טאָן. און אַגב זענען מיר דאָ אויך נישט אויסן צו וואַרפן חשדים אויף אַ באמת גרויסן דיכטער (מען האָט עס שוין געטאָן לאַנג, לאַנג פאַר אונדז...) און אויפוועקן אָדער דערמאָנען אַלטע חטאים וואָס שוין זײַנע מיטצײַטלער האָבן מוחל געווען (אָבער נישט פאַרגעסן). אַ סימן: ער איז געווען געאַכט און גערימט. בפרט נאָך אַז דער דאָזיקער עפּיזאָד איז פאַרבונדן מיט דער ערשטער מעדישער מלחמה (י׳ 490). פּינדאַר איז יעמאָלט אַלט געווען בײַ אַ דרײַסיק יאָר (געבוירן צווישן 522 און 517 און געשטאָרבן צווישן 443 און 438. די פּלוגתא אַרום די יאָרן פון געבורט און טויט איז שוין כמעט אַ פאַרענדיקטע. מיר קאָנען דאָ נישט אַרײַנגיין אין פּרטים און אָנווײַזן אויף די חלוקי־דעות צווישן די פאָרשער פאַר וואָס טייל נעמען אָן די אָדער יענע דאַטע און נישט עס אינטערעסירט אונדז). די טעמאַטיק פון זײַן דיכטונג און די פינף צענדלינג יאָר ווײַטערדיק לעבן — און אויך די פּריִערדיקע — זענען גוטע עדות אויף זײַן אויסגעטונקייט און פרעמדקייט צו פּאָליטישע און מיליטערישע עסקים.

אַזוי צי אַזוי, אַ שאָד איז, וואָס אויף דעם טעות האָט נישט אָנגעוויזן דער מחבר פון דעם נאָרוואָס דערשינענעם בוך וועגן י. ל. פּרצן בעתן ציטירן און קאָמענטירן אין זײַן ווערק די דערמאָנטע שטעלע פּרצעס. זענען מיר דאָך אין ייִדיש אַזוי ווייניק באַקאַנט מיט פרעמדלענדישע ליטעראַטורן, בפרט די אוראַלטע, אַז בײַם דערמאָנען אַ נאָמען וואָלט מען געדאַרפט זײַן געהיט און פּינקטלעך, בכדי נישט אײַנצופּעסטיקן קיין גרײַזיקע ידיעות. אַן אײַנגעחזרטער פעלער בלײַבט שוין לעולם ועד.

דריטער צוגאָב

מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט, אַז צוויי מאָל האָט עדעלשטאַט פאַרעפנטלעכט לידער בשייַכות דער פאַריזער קאָמונע. מיר ווייסן אויך וו ע ן — ד"ה: די יאָרן און חודש — און פ א ר וו אָ ס. אָבער ביידע מאָל, ווייסן מיר, שרייַבט ער אויך און דרוקט לידער בנוגע אַ צווייטן באַמערקווערדיקן געשעעניש, נאָר דאָס מאָל אין זייַן געבורטסלאַנד, און וואָס איז אויך צו שטאַנד געקומען אין זעלביקן חודש מערץ, הגם מיט צען יאָר נאָך דעם רעוואָלט וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „פאַריזער קאָמונע". און די ביידע מאָל פאַרעפנטלעכט ער זיי אייַנצייַטיק: אין דער זעלביקער אויסגאַבע און אַפילו אין זעלביקן נומער. דאָס ערשטע מאָל — 1889 — טוט ער עס צו דערמאָנען די פּאַסירונגען גופא, אַרויסצורוקן דעם חודש בכדי צו דערהייבן אים צו אַ סימבאָל און אויך צו דעפינירן דעם ריכטיקן צוועק פון די מעשים אויף להבא. דעם צווייטן מאָל — 1891 — צו באַזינגען און באַלויבן די פּערזאָנען, וואָס זענען באמת געווען די נשמות פון די באַוועגונגען אין ביידע לענדער — פראַנקרייַך און רוסלאַנד —: לויִזע מישעלן און סאָפיע פּעראָווסקאַיאַן. ער שילדערט זיי אין ראַם פון יעדערערס סביבה און שטעלט אַרויס ווי אַ מוסטער זייערע פּערזענלעכקייטן און זייערע מעשים מיט אַן אויסבליק אין עתיד אַרייַן.

ס'איז אָבער כדאַי צו באַמערקן, אַז אין דעם צווישן־יאָר — ד"ה אין 1890 — דרוקט ער אָפּ צו דער דאָזיקער דאַטע אַ ליד „שרעקלעכע געסט" (זז' 110-112; דאָס ליד האָט פריִער געטראָגן דעם טיטל „פאַרבלוטיקטע גייַסטער", אין „מאָרגנשטערן", דעם 7טן מערץ) צו ציִען די אויפמערקזאַמקייט אויף די פאַרפאָלגונגען, לייַדן און דער מאַרטירערשאַפט פון די רעוואָלוציאָנערן אין דעם לאַנד פון זייַן געבוירן און אַ רוף צו העלפן רוסלאַנדס קעמפער.

פאַר וואָס האָט ער נישט פאַרעפנטלעכט אַ דערמאָנונגס־ליד צו דער זעלביקער געלעגנהייט אין שייַכות מיט פראַנקרייַך אין דעם דאָזיקן יאָר? האָט ער דאָך די סאָציאַל־מרידישע באַוועגונגען און די רעוואָלוציעס אין דעם לאַנד אַזוי ספּעציעל אויסגעטיילט.

מאַ ווי קומט אַזאַ חסר? איז עס אַ פּאַרזען? מיר מיינען, אַז ער האָט יאָ געגרייט, און זיך גראָד דאָס מאָל ברייט פאַרמאָסטן, נאָר עס איז נישט געוואָרן פאַרטיק צו דער צײַט: דאָס ליד וואָס מיר האָבן פריִער קאָמענטירט (זז׳ 63-67), האַלטן מיר, איז עס. מיר האָבן אַ סך מאָטיוון אַזוי צו טראַכטן, און זיי וואָלטן באַשטעטיקט אונדזער השערה. מיר וועלן אויסרעכענען עטלעכע.

וואָס שײַך רוסלאַנד איז אים געווען לײַכטער אַנצושרײַבן, ווײַל דאָס לאַנד איז אים געווען נענטער: פאָרט זײַן נאָרוואָסיקע היים. די שענסטע — זעכצן — יאָר פון לעבן דאָרט דורכגעמאַכט. געקענט גוט די סביבה, די לעבנס־תנאים, זיי אַליין דאָרט געלעבט. דערצו איז אים נאָך געווען פריש דער טעם פון דעם וואָס ער האָט זיך דאָרט אָנגעזען און אויסגעשטאַנען. און די כסדרדיקע ידיעות פון דאָרט האָבן נישט געקענט מאַכן עס זאָל ווערן אויס־געוועפּט. אַדרבה, זיי האָבן נאָך געשפּײַזט בשפע אויפצוהאַלטן אַלץ וואָך אין זכרון. און אויך איצט האָט דאָרט געבושעוועט פראַנק און פרײַ די רעאַקציע אויף דעם שווידערהאַפטסטן שטייגער — ווי נאָר מען איז געווען פּעיִק צו פאַרפאָלגן אין רוסלאַנד. אָבער אויך די רעוואָלוציאָנערן רוען נישט. טוען זייערס — ווי זיי האַלטן, אַז עס איז אַ חיוב צו טאָן. דאָס הייסט: דאָרט איז אַקציע מצדביידע צדדים. און די גרויל־האַפטע צאַפּלדיקע ווירקלעכקייט איז ערדלשטאָטן לײַכטער צו משיג זײַן און אויפצוכאַפּן. אויך דעם גאַרנדיקן סענטימענט פאַר פאַרבעסערנדיקער אומענדערונג איז אים גרינגער אויסצודריקן און אַרויסצוברענגען. דאָ פילט ער זיך היימיש. ער איז אין זײַן עלעמענט. ס׳איז זײַן זשאַנער. ווידער, וואָס ס׳איז נוגע פראַנקרײַך — האָט ער זיך אַלץ געדאַרפט פאָר־שטעלן, אויסמאָלן זיך עס אין פאַנטאַזיע. וויפל ער זאָל נישט האָבן געוווּסט וועגן איר, האָט ער איר געוועזענע קעמפערישע ווירקלעכקייט נישט געזען. במילא — צו פיל אַבסטראַקציע. להי־פוך, די נאַנטקייט האָט זיך געגומען צוליב די אידעען וואָס מען האָט געוואָלט און געזאָלט דאָרט פאַרממשותן. און גראָד די דאָ־זיקע אידעען, וואָס זענען אויך אַבסטראַקציע, זענען געווען ערדל־שטאָטס אינטימע ווירקלעכקייט. די אידעען־אַבסטראַקציע איז פאַר אים געווען מער לעבעדיקע ווירקלעכקייט ווי די אמתע ווירקלעכ־קייט גופא, בפרט די נישט אַליין געזעענע און נישט אַליין דורכ־געלעבטע. און געוואָלט האָט ער געבן יענעם שטורעם — ווי מיר קאָנען דאָס זען — אין סאַמע אַקציע. און דאָס איז אים נישט אַנגעקומען גרינג. עס איז אים נישט געלונגען. ס׳האָט נישט געקענט געלינגען.

זײַן געביט איז ר ו ף צו אַקציע, אָבער נישט צו ש י ל ־ ד ע ר ן אַקציע. אינעם ערשטן איז ער שטאַרק, מעכטיק. אינעם צווייטן — שוואַך, מאַכטלאָז. פּונקט ווי אין ערשטן — בעתן וועקן — איז ער, דוכט זיך, בכוח אַ טויטן אויפֿצורײַסן און אים מחיה מתים זײַן, אַזוי איז ער אין צווייטן — אין מאָלן, דערציילן — אין גאַנצן אומבאַהאָלפֿן, אָן מיטלען עפּעס מקיים צו זײַן. דאָס שילדערן אָדער מאָלן אין לידער איז אים כמעט בכלל פֿרעמד — מעג זײַן דאָס געשעעניש אָדער דער קעגנשטאַנד אין דער סטאַדיע פֿון דינאַמיק אָדער אין אַ סטאַטישער פּאָזע. שילדערונג — דאָס איז נישט זײַן אַמפּלוּאַ.

אויך דאָס באַלאַדעמעסיקס און עפּישס, וואָס מישן זיך אין שיר „שרעקלעכע געסט“ און וואָס מען זעט אײַן, אַז עס האָט אויך געזאָלט זײַן דער טאָן און פּאָן און דער לייט־מאָטיוו אינעם ליד אַרום דער קאָמונע־מרידה, איז עדות. אַ נישט מינערער באַווײַז איז די אַלגעמיינע געמיט־שטימונג אַרום ביידע לידער. פֿאַר־שטייט זיך, תמיד מיט דעם חילוק וואָס איינס איז צאַפּלדיקע געלעבטע און איבערגעלעבטע ווירקלעכקייט און דאָס אַנדערע — אַבסטראַקטע פֿאַרשטעלונג פֿון אַ שוין געשעענער ווירקלעכקייט. מען טאָר דערבײַ נישט פֿאַרגעסן דעם חילוק פֿון די רעוואָלוציאָ־נערע באַוועגונגען אין ביידע לענדער. אין רוסלאַנד: רעוואָלוציאָ־נערן וואָס זענען אַקטיוו טאַקע און מאַכן קאָלאָסאַלע אָנשטרענ־גונגען אין זייער אַקטיוויטעט, אָבער האָבן נאָך נישט געהאַט די געלעגנהייט צו פּרוּוון מאַכן ווירקלעכקייט פֿון זייערע שטרעבונגען בנוגע גרונטאויסיק משנה זײַן דעם שטייגער לעבן. אין דער אמתן איז עס אַלץ התחלה, געזוך, און אפֿשר ריכטיקער: הכנות, צוגריי־טונגען צו אָן אין פּערספּעקטיוו (און דיסטאַנץ) ווײַטן שינוי. אין פֿראַנקרײַך — פֿאַרקערט: שוין געווען פּרוּוון צו ברענגען די אידעען מן הכוח אל הפּועל. דאָס הייסט, אין סך־הכּל: איינע דאַרפֿן זיך נאָך געשטאַלטיקן, פֿאַרוואָרהאַפֿטן זיך. עס לעבט אין זיי גאַר, שטרעבונג, ווונטש. אין די אַנדערע — שוין אָפּגעטוענ־קייט, פֿאַרענדיקטקייט און אַדורכגעפֿירטקייט. עס טראָגט שוין אין זיך אָן אָנווונק וואָס קען שוין זײַן אַ לערנונג אויף שפּעטער. אָבער אָן אַקציע האָט נישט קיין שום לערע קיין ממשותדיקן ווערט. אַט דאָס פֿילט מען טאַקע אַרום פֿון די לידער.

און דאָ קומט אַרויף די פֿראַגע: פֿאַר וואָס האָט ערעלשטאַט עס נישט פֿאַרענדיקט דערנאָך? איז אונדזער דעה (און תשובה) אַזאַ: קוים האָט ער דאָס ליד נישט באַוויזן אויסצואַרבעטן און אַרויסצוזעצן צו דער צײַט, האָט ער עס שוין אויף דערווײַל אַוועק־

געלייגט. מסתמא האָט ער געהאַט אַנדערע וויכטיקע ענינים צו דערליידיקן — ווי דער שטייגער איז בײַ מענטשן און זייערע אינטערעסן, און ספּעציעל בײַ אַקטיווע. און אוודאי בײַ אים, ערעל־שטאַטן, וואָס איז תּמיד געווען אין באַוועגונג. מען דאַרף אויך אָננעמען ווי אַ מסקנא, אַז ער האָט די לידער געשריבן געלעגנ־הײַטלעך. און ביז דער צווייטער געלעגנהייט, אין אַ יאָר אַרום, ווען דאָס ליד וועט ווידער אַ מאָל ווערן אַקטועל און צו ניץ קו־מען, איז נאָך געבליבן גענוג צײַט.

ווידער ווען די ריכטיקע צײַט איז געקומען — 1891 — איז געווים אויפגעשוואומען אַ נײַע מניעה: ס'איז נישט גרינג צו נעמען זיך איבער אַ נײַס צו אַ שוין אָנגעהויבענער אַרבעט און זי ממשיך זײַן נאָך דעם וואָס מען האָט זי געהאַט איבערגעריסן און געווען אין גאַנצן דערווײַטערט פון איר ממשותדיק און אין גײַסט. דאָס מכין זײַן זיך, דאָס פּרוּוון אַרײַנלעבן זיך צוריק אין דער שטימונג און סביבה איז שווערער און עס דויערט לענגער — נעמט צו צו פיל צײַט — ווי פאַרטראַכטן און אָנהייבן אַ נײַע אַרבעט פון אָנהייב אָן און זי אויסענדיקן. דאָס איז אַ סך לײַכטער. און אין יענעם יאָר ווידער — אין 1891 — האָט ער שוין גיכער געוואָלט באַזינגען די פיגורן וואָס האָבן געשפּילט אַ הויפּט־ראָל. יעמאָלט איז פּונקט אויסגעפאַלן דער צוואַנציקסטער יאָרצײַט נאָך דער פּאַריזער קאָמונע און דער צענטער יאָרצײַט נאָך דעם אַטענ־טאַט אויפן צאַר — און צוליב די קײַלעכדיקע סכומען יאָרן האָט ערעלשטאַט גיכער געוואָלט אַרויסהייבן די פּערזאָנען וואָס זענען גע־ווען די נשמות פון די דאָזיקע באַוועגונגען. ער גיט זיי ביידן אַזוי ווי ער האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט: אין אַקטיוויטעט. ביידע זענען אים געווען נאָענט צוליב זייער קרבנות־גרייטקייט, צוליב דעם מקריב זײַן זיך לטובת דעם כּלל און — מחמת אַקציע, מעשים. פאַר אים מיינט דאָס „הייליקע טאַטן". אַזוי רופט ער עס. אייגנשאַפטן, וואָס זענען אויך געווען וועזנטלעכע שטריכן פון זײַן אייגענעם איך. און צו ביידע איז ער געווען פאַרבונדן אין צײַט. אויב צו די פּאַריזער געשעענישן איז ער נאָך געווען אַ פּיצל קינד — אַרום די פינף יאָר אַלט — און ווײַט אין שטח פון די קאַטאַקליזמען, האָט נאָך אָבער געלעבט זייער אימפּולס־געבערין און דער באַוועגנדי־קער נערוו, ווי אַ ליכט־טראָגנדיקער שטורקאַץ אין דער נאַכט מיט אַן אָפּשײַן אויף דעם גאַנצן העמיספּער; און בעת די רוסישע מעשים האָבן זיך אָפּגעשפּילט איז ער שוין געווען אַ באַוווסטזיניק בחור — אין אַן עלטער פון אַרום פופצן יאָר — קאַפּאַבל צו פאַרשטיין געַנוי, מיט דער אײַנגעבוירענער פעיִקייט פון אַ פרי

רײַף געוואָרענעם, און אויך בכוח צו שאַצן ווערדיק. ער האָט זיי ביידן געהויכט און געקרוינט. און פּונקט יעמאָלט וויל ער צו זיי אַרויסווײַזן זײַן פֿאַרערונג. און דאָס טוט ער טאַקע.

*

לאָמיר שוין דאָ אויך אין איין וועגס פֿאַרצייכענען, אַז דער רעוואָלוציאָנערער אויפֿברויז, וואָס האָט זיך אין יאָר 1848 אַ טראָג געטאָן ווי אַ שטורעמווינט איבער מערב־אייראָפּע, איז אויך ענג פֿאַרבונדן מיט דעם חודש מערץ. אָנגעהויבן אין פֿראַנקרײַך אין די לעצטע טעג פֿעברואַר און זיך צעשפּילט וווּטיק מיטן אָנקום פֿון מאָנאַט מערץ, איז ער תּיכּף אָנהייב מערץ אימפּעטיק אַריבער קיין דײַטשלאַנד און באַלד אין די איבעריקע לענדער, און אומעטום זיך העפֿטיק צעבושעוועט מיט דער לײַכטקייט פֿון אַ צעפֿלאַמטן העליש פֿײַער אין איבערגעטרוקנט האָלץ.

ס׳קען זײַן, אַז דערפֿאַר טאַקע זענען די ערשטע צוויי סטראָפֿעס פֿונעם ליד „מערץ־בילדער" (זז׳ 101־102) אַזוי פֿאַראַלגעמיינערט, אַבסטראַקט. אָט, למשל, די אַרײַנפֿיר־פֿערזן:

פֿון שרעקלעכן קאַמף, פֿון בלוטיקן קריג
איז רויט דער מאָנאַט מערץ.

און צונויפֿגענומען די רעבעלישע און רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אומעטום, מיט פֿראַנקרײַך בראָש ווי אַ פֿאָרויסגייערין, אָן אָנרעגערין און וועגווײַזערין, האָט עדעלשטאַט דערפֿאַר די צווייטע סטראָפֿע דערפֿירט צו אַ סומירנדיקן סך־הכּל:

פֿראַנקרײַך! דו שיינעס, דו פֿלאַמענדעס הערץ
פֿון אַלע רעוואָלוציאָנען!
מיט דײַן מוט איז געקרוינט דער מאָנאַט מערץ —
עס הילכט מיט דײַנע קאַנאָנען.

און הגם דאָס ליד איז געשריבן לכּבֿוד דער פּאַריזער קאָמונע, איז אָבער וואָס ווײַטער מען לייענט זיך אַרײַן אין דעם, דערפֿילט מען אַלץ מער די פֿאַראַלגעמיינערטקייט און אַבסטראַקציע פֿון איר אידעע. באַלד דערזעט מען קלאָר, אַז ער דערהייבט דעם מאָנאַט צו דער מדרגה פֿון אַ סימבאָל. ווײַל וואָס דען קענען באַדײַטן אין דער פֿינפֿטער סטראָפֿע אַזעלכע צוויי שורות:

עס וועט נאָך קומען אַ געוואַלטיקער מערץ —
די מענטשהייט קען אים ניט פֿאַרמײַדן.

און כאָטש מערץ סימבאָליזירט קאַמפֿן, און דאָס מיינט: באַ־

נוצן אומבּרענג־מכשירים און אַז „עס פאַלן נאָך פיל, נאָך פיל קרבנות אין קאַמף פאַר פרײַהייט און רעכט", פון דעסטוועגן זעט ער אָבער אויך פאַר אין אים דעם אויסלאָז צום גוטן, ווען עס „וועט אַם ענדע גערעכטיקייט זיגן". יעמאָלט וועלן שוין „פאַר־געסן ווערן פולווער און בלײַ", ווײַל מען וועט מער צו זיי נישט דאַרפן אָנקומען, און מען וועט אויך, במילא, לסוף „פאַרגעסן די בלוטיקע, שענדלעכע קריגן". יעמאָלט וועט עס זײַן געבוירן דעם טרוימערס געחלומטע צײַט, ווען „דער מענטש וועט זײַן מ ע נ ט ש ל ע ך און פרײַ"...

„מערץ־בילדער" און „דער 13טער מערץ" געהערן צו די ערשטע לידער, וואָס עדעלשטאַט האָט געשאַפן אין דער יִדישער שפּראַך. באַלד נאָכן אָפּדרוקן זיי, פונקט אַ וואָך שפּעטער, פאַר־עפנטלעכט ער דאָס באַרימטע ליד „מײַן צוואה", וואָס איז דאָס זיבעטע אין ריי פון זײַנע געדרוקטע יִדישע לידער. דאָס ליד „אין קאַמף", וואָס ער רעקאָמענדירט אין דער צוואה מען זאָל עס זינ־גען בײַ זײַן קבר, איז געווען דאָס דריטע ליד, וואָס ער האָט פאַר־עפנטלעכט אין יִדיש. מען קען אָננעמען, אַז אין זעלביקן סדר האָט ער זיי אויך געשאַפן. אָנגעשריבן אַ ליד — האָט ער עס תיכּף פאַרעפנטלעכט.

פ ע ר ט ע ר   צ ו ג אַ ב

דער פֿאַרוווּנדעטער אָדלער

צווישן בערג פֿאַרשנייטע
אויף אַ פֿעלדזן־שטיין
זיצט אַ יונגער אָדלער
עלנט, קראַנק, אַליין!

און ער טרוימט: ווי גערן,
מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרייד
וואָלט איך יעצט די פֿליגל
אין דער לופֿט צעשפּרייט!

מיט די שטאָלצע וואָלקנס,
מיט די שטערן גלײַך
וואָלט איך פֿרײַ אומשוועבן
אין דעם הימל־רײַך.

און די זון די העלע
אין דעם בלויען רוים
וואָלט איך האַלדזן, קושן,
ווי אין אַ זיסן טרוים.

צו די ווילדע שטורמען
האָב איך אימער לוסט
שטאָלץ אַנטקעגן פֿליִען
מיט מײַן אָדלער־ברוסט.

אויבן בליצט און דונערט,
אונטן רוישט דער מער,
דען פֿאַר פֿרײַע פֿליגל
איז דער וועג ניט שווער!

דורך די שטורעם־וואָלקנס,
בליץ און דונערקראַך
טראָגט זיך דורך דער אָדלער
מיט אַ שטאָלצן לאַך.

דאָך עס איז פֿאַרשוווּנדן
יענע צײַט... און יעצט
צווישן בערג פֿאַרשנייטע
זיץ איך קראַנק פֿאַרלעצט...

מיט אַן אומעט קוק איך
צו דער זון אַרויף,
דאָך די קראַנקע פֿליגל
הייבן ניט דעם גוף.

איך צאַפּל זיך, איך רײַס זיך...
איך שרײַ, איך פֿלוך... איך וויין...
ביז איך בלײַב אין אָנמאַכט
ליגן אויף מײַן שטיין!

אַך! ווער קען מיר זאָגן,
אויב איך וועל אַמאָל
ווידער פֿרײַ אומשוועבן
איבער בערג און טאָל?

טראָגן זיך דורך שטורעם
שטאָלץ צום זונענשײַן,
צווישן פֿרײַע אָדלער
אַ פֿרײַער אָדלער זײַן?
— — — — — — — — —
קיינער גיט קיין ענטפֿער...
אײַנגעהילט אין שניי

שלאָפֿן בערג און טאָלן;
מײַן שמערץ — וואָס קימערט זיי?

וווּ זענט איר, ברידער — אָדלער?
די וואָלקנס זענען שוואַרץ...
און אַך, ווי ווילד עס רײַסט זיך
צו אײַך מײַן קראַנקע האַרץ!

אַט וואָס פֿאַר אַ לירישע לידער עדעלשטאַט איז געווען בכוח צו שרײַבן. אָבער מיר ברענגען נישט דאָס ליד מיט דער כּוונה צו רעהאַביליטירן אין עדעלשטאַטן דעם ליריקער אָדער באַווײַזן עס ווי אַ מוסטער וואָס זאָל דינען פֿאַר אַ באַשטעטיקונג, אַז אונדזער מיינונג איז אַ ריכטיקע. ניין. מיטן דרוקן עס דאָ זענען מיר גאָר אויסן צו געבן דעם לייענער אַ געלעגנהייט צום ערשטן מאָל זיך צו באַקענען מיט דעם דאָזיקן ליד. יעדן פֿאַלס מיט דעם פֿולן טעקסט זײַנעם. מחמת צו אונדז איז דערגאַנגען בלויז אַ העלפֿט פֿון דעם ליד: די ערשטע סטראָפֿע און פֿון דער נײַנטער ביז צום סוף. אַזוי האָט עס אונדז צוגעטראָגן מ. קאַטץ אין זײַן אויסגאַבע, וואָס איז די איינציקע צוגענגלעכע און די פֿולסטע. גאַנצע זיבן סטראָפֿעס — אָנגעהויבן פֿון דער צווייטער, לויט אונדזער טעקסט־אָפּדרוק, ביז דער אַכטער (אַרײַנגערעכנט) — האָט ער דורכגעלאָזט (אויסגעבראַקירט?). אין אַנדערע אויסגאַבעס, ביז זײַנער, איז אַפֿילו קיין געקירצטער טעקסט אויך נישט בנימצא.

די סיבה פֿאַר וואָס עדעלשטאַטס חבר און רעדאַקטאָר־צו־נויפֿזאַמלער פֿון זײַן ווערק האָט עס אַזוי אומברחמנותדיק געשניטן — איז אונדז נישט באַוווּסט און אַוודאי דורכויס אומקלאָר. אָבער ס׳איז אַ שאָד דאָס ליד זאָל בלײַבן אומבאַקאַנט דעם ייִדישן לייענער. לכל־הפּחות דעם פֿאַראינטערעסירטן לייענער. ס׳איז גאָרנישט קיין געוויינלעך ליד און עס טאָר נישט פֿאַרלוירן גיין. צו פֿאַרהיטן עס דערפֿון דרוקן מיר עס דאָ איבער. בלויז דאָס איז אונדזער מיין. און דעריבער טאַקע קאָמענטירן מיר עס נישט ווי נאָך אַ ראיה אַרויסצוהייבן דעם דיכטער. עס רעדט אָבער פֿאַר זיך אַליין גענוג.

„דער פֿאַרוווּנדעטער אָדלער“ איז געווען פֿאַרעפֿנטלעכט נאָך פֿאַר דעם דיכטערס לעבן אין „פֿרײַע אַרבעטער־שטימע“ דעם 1טן יאַנואַר 1892. מיר דרוקן איבער דאָס ליד פֿון דער שוין דערמאָנטער מאָסקווער „עמעס“־אויסגאַבע (זז׳ 252-254). — דעם דריטן פֿערז פֿון דער דרײַצנטער סטראָפֿע גיבן מיר לויט

קאַטצן (זז׳ 167 — 168). אין ביידע טעקסט־אָפּדרוקן איז עס די פֿאַר־לעצטע סטראָפֿע. וואָס שײַך דער לעצטער סטראָפֿע, איז דער טעקסט בײַ קאַטצן שפּאָר אָפּגעווײַכט פֿון דעם וואָס מיר ברענגען. אַלע סימנים ווײַזן אָבער אָן, אַז דער דאָ געדרוקטער איז דער ריכטיקער.

*

לאָמיר שוין דאָ אין איין וועגס אָנווײַזן אויף אַ וואָרט, וואָס מיר האַלטן עס פֿאַר פֿאַרגרײַזט געדרוקט, הגם עס חזרט זיך איבער אין די אויסגאַבעס, וואָס מיר האָבן געהאַלטן אין האַנט (און מחברים־קאָמענטאַטאָרס לאָזן עס אַזוי בעתן ציטירן): דאָס לעצטע וואָרט אין דעם ערשטן פֿערז פֿון דער דריטער סטראָפֿע אין ליד „פֿון מײַן טאָגבוך“ (ז׳ 164) דאַרף זײַן ז ו ן און נישט ז ײַ ן, ווי ס׳איז געדרוקט. אי עס איז אַ גראַם צו „טאַבון“, אי עס איז אין הסכם מיטן געדאַנק און אי אויך מיט דער לאָגיק פֿון דעם ווערטער־אויסשטעל. די גאַנצע סטראָפֿע דאַרף זיך, בכן, לייענען אַזוי:

וועו דײַן אידעאַל, דײַן לעבן, דײַן זון,
וואָס פלעגט פֿול מיט האָפֿנונג דיר שײַנען,
איז איצט פֿאַרשטעלט מיט אַ ווילדן טאַבון
פֿון טריומפֿירנדיקע שווײַנען.

מיר זענען זיך משער, אַז אַזוי איז געווען דער בראשיתדי־קער טעקסט. אָדער אַזוי לפּחות האָט ער געזאָלט זײַן. די גאַנצ־קײַט פֿונעם ליד פֿאַרלירט גאָרנישט דורך אונדזער ענדערונג אָדער אפֿשר גוטשטעלונג. אַדרבא, פֿאַרקערט: מיר האַלטן יאָ, אַז עס געווינט, און שטעלן אַזוי אָרום דערמיט צוריק אויף דעם לכתחי־להדיקן מיין און טעקסט.

צוליב טעכנישע שוועריקייטן דערשײַנט דאָס בוך מיט אַ געוואַלדיקער פֿאַרשפּעטיקונג. די סיבות האָבן מיר בשום אופֿן נישט געקענט פֿאָרויסזען און, במילא, זיי נישט געקאָנט דערנאָך פֿאַרמײַדן. עס פֿאַרדריסט אונדז ביז גאָר, און כאָטש די שולד איז לגמרי נישט אונדזערע, קענען מיר זיך עס אָבער פֿאָרט נישט מוחל זײַן. נאָר אַ טרייסט איז פֿאַר אונדז דאָס, וואָס — ווי עס זאָגט אַ פֿאָלקסווערטל — עס איז גלײַכער שפּעטער איידער קיין מאָל נישט.